STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05125

IN LANGN TOG

Elie Verblun

Permanent preservation of this book was made possible
by Claire & Abraham Tafler
in memory of
their parents, Benjamin & Jennie Stambler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Verblun, Elie, 1908-
In langn tog.

עליע ווערבלון

אין לאַנגן טאָג

(לירישער טאָגבוך 2)

פאַרלאַג „ווערבע"
תל-אביב — 1980

אליה ורבלון
„ביום הארוך"
(שירים)

„IN LANGN TOG"

Copyright By
Elie Verblun
Beit Hashoeva 10
Ramat Hasharon. Tel. 48 10 18
ISRAEL

נדפס בישראל. — תש"מ
Printed in Israel, 1980

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 422481

פאַר מײַן פרוי מ ל כ ה
און מײַנע פרײַנד מלך און
זעלדע שוואַרץ, משה און
לאה גאָרדאָן, יאָסל און
רבקה טײטלבוים, יעקב
און חנה לעוו, אסתר זוץ,
— די שטענדיקע אוידיטאָ־
ריע פאַר מײַנע ל י ד ע ר.

דער מחבר

ליכט און שאָטן

1

דאָס בין איך דער זאַטער רעגנוואָלקן
וואָס האָט פאַרדעקט דעם הימל.
וואָס האָט פאַרדעקט דעם הימל.
אין זיין ערשטן און אין זיין לעצטן דרימל,
דאָס בין איך דער טאָל
וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.
דאָס בין איך דאָס פייגעלע, וואָס אײלט
אַדורך — ווייל ס'איז שוין אָוונט — צו דער נעסט.
דאָס בין איך דער הויפן קינדער — שפּראָצן
פון דעם אַלטן מענטשן־בוים —
וואָס שפּילט זיך ביי מײַן פענצטער ליכטיק־ווילד.
דאָס בין איך די טיפע ווייטעניש,
וואָס שפּרייט זיך אויס פון ערשטן אָנהויב
ביז דעם לעצטן סוף.
דאָס בין איך אָט־דער וואָס איז כמעט נישט ער,
נאָר אַ טייל פון גרויסן קרײַז —
און צו דעם וואונדער — ער האָט נאָך כוח אין די פינגער
צו פירן מיט דער פען — עס זאָל דאָס ליד געשען.

2

מײַן געמיט איז פֿול מיט בלי,
מיט פֿויגל־פּלי,
מיט צווײַגל בעז,
מיט זון און ווינט,
מיט רחבֿותן פֿון טאָל,
מיט ווײַסע וואָלקן־שריפֿט
אויף רוקנס פֿון די בערג,
וואָס שימערן צעגליט.

מײַן געמיט איז פֿול מיט ליד.

3

וואָס ווילסטו מער, מײַן פֿרײַנד?
אַ וואַרעם ווינטל.
בלומען פֿאַר דײַן טיר,
ראָזע בערג פֿאַרלוירענע אין ווײַטן נעפּל
און אַ רויִקייט אין האַרצן.

אַצינדערט מאַך אַ ברכה אויף דאָס אַלץ
און וואַרט:
אפשר וועלן דיר אַרויסוואַקסן —
אַלץ איז מעגלעך — פֿליגל
און וועסט זיך אויפֿהויבן
און שטײַגן, שטײַגן.

4

כ׳האָב אויפגענומען דעם אָוונט ביַי מײַן טיר:
קום אַריַין, קום אַרײַן, דו איינציקער גאַסט! —
אין אַלע ווינקעלעך פון מיין שטיבל קליַיבן זיך שוין שאָטנס,
זיי לעקן מיט טונקעלע צינגער די ווענט.

מיין נשמה איז היַינט פאַרשאָטן מיט רו,
מיט צעמאָלענע שעהן אָנגעפילט — אַ קויפּ.
אַלע וועגן האָבן אויסגעוועפּט, פאַרשוווּנדן אין דער לופט.
קום אַרײַן, ליבער אָוונט, און הינטער אונדז
זאָל בלײַבן די וועלט — צו.

5

אַ שיר וועל איך זינגען וועגן געוויינלעכן!
וועגן געוויינלעכן הימל,
וועגן דער געוויינלעכער ערד,
דער געוויינלעכער בלום,
דעם געוויינלעכן מענטשן.
אַ שיר וועל איך זינגען וועגן געוויינלעכן!

נישטאָ קיין באַרוישונג דערביַי,
נישטאָ קיין דערהויבונג,

ס׳איז נישט נײַ,
אַ ליד געשריבן מיט געוויינלעכן בלײַ.

6

אָט אַזאַ ווי איך בין,
האָט עמיץ מיך געשטעלט
אין מיט פון דער וועלט,
אַ לאָגל טרויער
אויף טונקעלן געדויער.

פון אויבן שיינט די זון,
אונטן גרינט די ערד.

7

כ׳בין כמעט אַן אַלטער מאַן.
באַלד וועל איך אַרייַנהינקען אין קבר
לייַכט אַזוי — ווי מען טוט אַ שפּאַן
פון איינעם אין אַ צווייטן חדר.

סייַ־ווי־סייַ איז אַלץ פֿאַר מיר פאַרלאָשן,
די זון אפילו ווען זי גליט.
דאָס טויטע האַרץ — כאָטש נאָך נישט באַגראָבן —
פאַרוואַנדלט אַלץ אין קברים־צוויט.

8

מיט מײַן זינגנדיק געמיט
כ'וואַנדער איבער אַלע ווײַטן.
אין אײן אומענדלעכקײַט אַרײַן,
די צווייטע טו איך בײַטן.

צווישן אַלע שטערן בין איך
אַ היימישער שפּאַצירער
און אין מילכוועג נישט כ'פאַרליר מיך.

ווערט פאַר מײַנע אויגן
אַ שטערנדל געבוירן,
זאָג איך אים „גוטמאָרגן",
אויף אייביקײַט צו לויכטן!

און אמת איז — איך שעם מיך
אויסצוזאָגן אָט דעם שטילן סוד:
דאָס האָב איך די וועלט באַשאַפן
מיט מײַן נשמה און נישט גאָט!

9

נאַקעט בין איך,
אויפגעדעקט פאַר אַלע ווינטן פון דער וועלט,
דער איינציקער, מיין אייגענער העלד
און פריי בין איך צו טאָן
וואָס מיר געפעלט.

10

גיב מיר אַ פערז
מיט אַ דורכזיכטיק האַרץ
ווי אַ טראָפּן טוי!

11

אַזויפֿיל מתים ליגן אין דער ערד באַגראָבן.
אַן ערד איז זי פֿון טויט!
אין שמוץ און ווי־ פֿאַנגט־אָן דאָס טאָגן
און די פֿינצטערניש בײַנאַכט ז׳אַ תהום פֿון קויט.

זאָל אָנקומען אַ פּערז פֿון ריינע רייד,
פֿון ווערטער, וואָס קענען נישט דאָס בייז,
פֿון אַ הימל — אַ געזאַנג — וואָס הייבט זיך אָן
דאָרט ווו אונדזערער פֿאַרגייט,

פֿון אַ וועלט און פֿון אַ דיכטער,
וואָס האָבן קיינמאָל נישט געאַנט פֿון דעם
וואָס איז געשען און יעדער ווייסט...

12

ס׳האָט מיך קיינער באַרויבט,
נאָר איך אַליין
האָב מײַן אייגנס צעוואָרפן,
צעשטויבט.

איך פאַרוואַרף אויך מיין גוף,
מײַן גאַנצן געביין,
אַלץ זאָל פאַרגיין!

און קיין טרער איז נישטאָ
צו פאַרזיסן די ביטערע שעה...

13

קיין יידישע שרײַבער ווערן שוין נישט געבאָרן
פאַר די לעצטע צוואַנציק־דרײַסיק יאָרן,
און די אַלטע — זיי פאַרגייען
און ווערן פאַרלאָרן
און ס׳בלייבט נאָך זיי אַ ליידיקער גאָרן.

14

בלויז אַ בליק,
קיין וואָרט אפילו.
און האָט געטראָפן אַזוי טיף...

און איך בין מיר אַוועק,
און דו — יעדערער זיין וועג.

נאָר דער בליק וועט נישט צעשיידן
ביידן.

15

ווו איך זאָל נישט טאָן אַ בליק,
עס הויערט אָפן און פאַרשטיקט
דער טרויער פון דער וועלט,
אפילו אין די שטראַלן פון דער זון,
אין בלום.
אומעטום.

16

אַזוי פיל רו,
פון וואַן? פון ווו?
דער ערשטער שטערן צינדט זיך אָן,
דער צווייטער נישט־געאײַלט קומט צו.

די פענצטער בײַ די שכנים
אײנציקווײַז און באַלד אין אײנעם
זיך צינדן אָן — מיר זײַנען דאָ!

זיי לײַכטן אויס ס׳געזאַנג פון רו,
אַ ליד, וואָס קוועלט פון אומעטום.

און איך — דער גייער פון דעם ווײַטן וועג —
בלײַב שטיין און האָרך,
ווי עס וואָרקעט ווי אַ טויב די רו.
ווי אַ שטילער שאָרך
פון פליגל קומט פון ערגעץ־ווו.

17

זיבעציק לופטיקע וועג־צייכנס
האָב איך איבערגעלאָזט אויף מײַן גאַנג
דורך דער וואָר,
אַ דורכזיכטיקער שטיין יעדעס יאָר.
אַ לאַנגע אַליי,
אָבער ווי לוטס ווײַב — איז מיר פאַרווערט
צו קוקן אויף צוריק:
עס קען נאָך, חלילה, יעדער שטיין
צעגיין,
ווי קיינמאָל געווען...

18

עס אײַלט אַ ווינטל, איילט אַדורך.
אונטערוועגס עס טוט אַ שטורך
אַ ביימל, אַזאַ שטילן לאַם,
און לויפט זיך ווײַטער, לויפט זיך סתם.

ביז... עס פאַלט אַוועק דער העלד,
אַ טויטער ווינט אין מיטן פעלד!
און די שטילקייט דעקט אים צו
מיט ווײַסע לײַלעכער פון רו.

19

דערווײַ שלאָגט אין מיר די זון אירע שטראַלן
טאָג נאָך טאָג
און ס׳איז מיר ליכטיק און פינצטער צוזאַמען:
פון דרויסן — שײַן,
און אינעווייניק אין האַרצן —
ביטערניש און פּײַן.

דערפאַר איז מיר ליבער
די שײַן פון אַ מענטשן,
ווי דאָס ליכט פון דער זון
וואָס פאַלט אויף מיר קרום.

און דער מענטש,
וואָס מײַנע אויגן זיינען צו אים געווענדט,
האָט מיך פאַרלאָזט און פאַרשעמט.

20

אויסגעמישט אין איינעם
ליגן אויפן דעק פון האַרץ,
ליבע, האַס,
דאָס מיאוסע און שיינע,
זון און כמאַרע,
אויסגעמישט אין איינעם
אויפן דעק פון האַרץ...

21

נאָך די אַלע קרומע גענג,
בין איך פאַרט,
איך ווייס גאָרנישט וויאַזוי,
אַרויף
אויף דעם שליאַך פון זינגדיקער זון,
וואָס פירט
צום גילדערנעם ערגעץ־ווו
אויף דער ערד
און אויסער איר,
צום אָן־האָריזאָנטן־לאַנד — אופיר,
ווו אַלץ איז טיף־טיף
און אָן אַ גרונט,
און אייביק, אָן אַ סוף...

22

כ׳בין געבליבן מיט מײַן רויִקער אַלײניקײט,
אַ שטערן צווישן שטערן, אַ גרעזל צווישן גראָז,
כאָטש מיט קײנעם בילד איך נישט קײן אײניקײַט
און כ׳פרעג שוין נישט אַפילו — ווער איז ווער
און וואָס איז וואָס.

כ׳ווײס שוין גוט, אַז ווי די פלאַנצן — טוישן זיך די מענטשן:
ער — נעכטן, דו — הײַנט, און מאָרגן קומט אַ צווייטער „איך״.
איז אים גוט — וועט ער די שטערן בענטשן,
איז אים שלעכט — ווערט פינצטער אין זײַן אויג
דאָס העלסטע ליכט.

23

הײַנט װעט זײַן אַן אױסנאַם־טאָג!
אַזױ האָב איך געקלערט.
ס׳איז דער באַגינען אַזױ פֿריש
הײַנט דעם פֿינפֿטן מערץ.

די זון, זי קלעטערט אױף איר װעג
אַרױף צו דעם זעניט.
באַװאָרפֿט מיט נײַע הױפּנס גאָלד
דעם שװאַרצן סאַטעליט.

הײַנט װעט זײַן אַן אױסנאַם־טאָג!
כ׳מײן יעדן טאָג אַזױ —
אַ גאַנצן לעבן כ׳װאָרט אױף אים,
דעם טאָג פֿון גרױסן בלױ.

נאָר װײ, נאָר װײ... ער שװימט אַװעק
אין בין־השמשות־װײַט,
און ס׳בלײַבט פֿון אים — קױם אַ שפּור
אין װײַסן שטראָם פֿון צײַט.

24

בײַ װעמען בין איך אײגנטלעך דער גאַסט ?
איך קען עס נישט דערגײן.
צי דאַרף איך אים פֿאַרערן,
אַרױפֿקוקן צו אים װי צו אַ װײַטן שטערן ?
צי מעג איך גאָר לגבי אים
זיך אױפֿפֿירן לײַכט אַזױ, אָדער גאָר געמײן ? —
װער ביסטו אײגנטלעך — אַ האַר ? אַ פֿרײנד ?
אָדער גאָר — װער װײסט — פֿון אַן אַרײַנפֿאָרהױז, אַ שענק
אַ מאַן מיט אַ געװיסן נישט־אינגאַנצן־רײן ?
װער ביסטו ? — זאָג !
איך דאַרף עס װיסן —
אײדער כ׳װעל אַרױסשטאַמלען
מײַן לעצטן „גוטנטאָג".

25

דער מעטעאָר, װאָס לױפֿט סתּם דורכן רױם,
ער װײסט נישט פֿונװאַנעט ער קומט
און צו װעט ער דערגײן ערגעצװו.
װאָלט ער אַ נשמה געהאַט, אַזױ װי איך,
װאָלט ער געבעטן צו גאָט : גענוג ! גענוג !

26

וואָס האָב איך געמײנזאַמס מיט דער בלױקײט פון הימל,
מיטן גרין פון דעם בוים,
מיטן לעצטן שטראַל פון דעם אָוונט,
וואָס פאַלט קרום אינעם רוים?
וואָס האָב איך געמײנזאַמס מיטן אַרום און אַרום,
מיט די רחבותן ברײטע
און טיפענישן־תהום,
מיטן ים און די כוואַליעס אין שוים?
אַז שטום די נשמה איז,
שטום־שטום.

27

איך קוק אויף די בינטעלעך שטערן,
אָבער זײ געהערן מיר נישט מער,
זײ בלײַבן מיר פרעמד.
די שאָטנס — בײמער, וואָס גליווערן אין דער נאַכט,
זענען אויך אַרויסגעפאַלן פון מײַן ספער.
כ׳בין געבליבן בלויז מיט מײַן זעקל בײנער,
ווי די שפּיציקע שטײנער.

28

מיט גרויסע פענדזלען גאָלד
דער אָוונט באַמאָלט די פראָנטן פון די שטיבער.
רו איז.
שלווהדיקע רו.
עס שווייגן אַלע ווילנס, אַלע ווונטשן פון דעם מענטש.
ער פילט: דער טרויער איז אַהינטער אָפּגעטראָטן,
צעגייט, פאַרשווינדט.

פון ערגעץ־ווו,
פון אַ נײַעם האָריזאָנט אין ברוסט,
אַ ווינטעלע פון שײַן קומט אָן,
אַן ערשטער שטערן פון אַ פרישער לוסט,
אַ שפּראָץ פון ליכטיקייט נאָך אומבאַוווסט.

29

אין דער ליידיקייט פון טאָג — דו!
אין דער חשכות פון דער נאַכט — דו!
אין דער וועלט פון נעכטן — דו!
אין דער וועלט פון מאָרגן — דו!
דו! דו! דו!

— צי ביסט עס דו — דו,
אָדער איך אַליין בין איך און דו?...

30

וואָס איז דיכטונג ? —
צו האַלטן דעם פּולס פון דער וועלט,
פילן ווי עס צאַפּלט איר האַרץ,
דאָס גרויסע און אומזיניקע האַרץ,
וואָס דאָ איז עס באַרגיק און שטייניק,
וואָס דאָ איז עס ימיק און תהומיק,
אָדער לייַכט ווי דער עטער
און הויך־הויך ביז צום שטערן,
וואָס וואַנדלט אַרום אין די ספערן,

אָט־דאָס איז דיכטונג:
אַ טונקלונג, אַ ליכטונג!

31

כ׳בין אַן אָרעמער אורח אויף דער וועלט,
וואָס קיינער נעמט אים נישט אויף שבת.
איך שטיי ביי דער טיר פון בית־מדרש
און וואַרט, אַז עמיצער זאָל זיך דערבאַרעמען
און מיך פאַרבעטן און מיך דערוואַרעמען.

כ׳בין אַן אָרעמער אורח אויף דער וועלט.

32

פון אַלע מײַנע לעבנס,
פון מײַן גאַנצער וואָר,
איז מיר בלויז פֿאַרבליבן
דער בייזער חלום נאָר,
וואָס קומט צו מיר צו גאַסט
נאַכט אין נאַכט
און לאָזט מיר איבער
אויפן גאַנצן קומענדיקן טאָג
זיין טרויעריקע לאַסט.
און דאָס איז דאָך אַצינד,
ווי מאָדנע ס׳זאָל נישט זײַן,
מײַן איינציקע שײַן.
קײַן אַנדער ליכט
קומט צו מיר אַרײַן.

33

ווי עס בײַטן זיך די טעג!
ווי עס זאַמלען זיך די יאָרן!
כאָטש איך האָב זיי נישט געבעטן
זענען זיי מיר אָנגעפאָרן!

וואַהין זיי ברענגען
אָט די יאָרן ענגע?
צו מײַן ענד זיי פירן —
וואָס קען איך פאַרלירן?

34

כ׳בין געגאַנגען מײַן וועג ווי געוויינלעך,
פאַרטאָן אין דעם האַרבסטיקן טאָג,
ווי די וואָלקנס האָבן פאַרשלונגען מיין הילוך!
ווי די גרויקײַט שווערט מיט איר וואָג!

איז זי אַרויס מיר אַנטקעגן,
פאַרשטעלט מיר מײַן האַרבסט
און אַלע מײַנע וועגן
מיט דער בייזער כמאַרע פון איר האַרץ...

נישט געריכט האָב איך זיך אויף די נעגל...

35

ס'איז מײַן וועלט אין אונטערגאַנג,
און דאָך, און דאָך — אַ מזמור אַ געזאַנג!

פלוידערסט מיטן ווינטערדיקן ווינט,
ווײַל נישט פאַראַן אַרום קיין מענטשן־קינד.

און בײַנאַכט האָסט ליב צו הערן
ווי עס שווײַגן, ווי עס שווײַגן שטערן.

גאָט, מײַן גאָט, אַזעלכע גרויסע וועלטן
און ווי שטיל —
קוים זיי צו דערהערן!

36

די קוואַלן פון געפילן
לאָז זיי לויפן
פרײַ און הפקרדיק און רוישיק
אויף צעפיקעניש די טעג
די שווערע,
וואָס שטעלן זיך אין וועג,
ווי אימהדיקע בערג!

37

ווי גלוסט זיך אָפט אַ שפּײַ־טאָן טיף אין קאָסמאָס
דורך אַלע שטערן־וועלטן
ביז צום ווײַטסטן הימל־דנאָ —

זאָל דאָרט פאַלן די פאַראַכטונג
פון מײַן קליינקייט אויסגעלאַכטער!

38

די רויִקע פרייד ז'ווי אַ שפּעטע בליִונג אין האַרבסט.
זי קומט און דו ווייסט נישט פון ווו און פון וואַן.
נעכטן איז אַלץ געווען שוואַרץ ווי אַ כמאַר,
מיט פינצטערע קוסטעס באַשטעלט יעדער טריט, יעדער שפּאַן.
און הײַנט — הײַנט האָט אַ ווינטל, ווײַס ווי אַ שוואַן
אין לופטן געיאָגטעפּט — באַהאַפטן דאָס בלוי פון דעם הימל
מיט ווײַסע וואָלקנדלעך סתם.

39

כ'וועל זיך איבערבעטן מיט אַלעמען:
מיט די שטערן,
מיט דער פלאַנץ,
מיטן מענטש.
צוזאַמען דאַרפן מיר געדײַען אַ שטיקל צײַט,
קיין פרייד איז דאָך ביי קיינעם נישטאָ,
איז לאָמיר עס נעמען פאַר ליב,
פאַרן געבאָט פון עפּעס אַ גאָט.

40

נאָר דו, קליינע „זי״
שײַנסט־אויף פאַר מיין אויג,
דײַן גוף שפרייט זיך אויס פאַר מיר
פון איין עק וועלט ביז צווייטן.
דײַנע בריסט זענען עס די נײַע שטערן
און דײַנע היפטן — די נײַע געאָגראַפיע פון דער וועלט;
דײַן בויך לײַכט פאַר מיר מער פון דעם ווײַסן מאָנבלאַן.
דאָס ביסטו מיין וועלט
און אויסער דיר איז גאָרנישט פאַראַן.

קען זײַן — וועסט אַמאָל חרוב ווערן,
ווי אַן אַלטע פאַרלאָשענע זון,
דערווײַל ביסטו די איינציקע געטין
און ס׳איז פול מיט דיר דער אַרום.

41

כ׳האָב אַמאָל געקלערט:
עפּעס וועט אַרויס,
עפּעס שיינס און גרויס
פון אונדזער דור
דעם נײַסטן אויף דער ערד.

אַצינדערט ווייס איך אויף געוויס:
נאָך אַ שפּליטער איפּן מיסט,
נאָך אַ צווײַגל, נאָך אַ דאָרן,
נאָך אַ גאָרנישט מיט אַ נישט
בלײַבן וועט פון אונדזער דור נאָר.

42

כ׳בין געבליבן נאַקעט
אָן אַ טרוים צו באַקליידן מײַן לעבן,
ווי אַ גרעזל, וואָס וואַקסט אין אַ שטייניקן באָדן
און פאַרוועלקט אין שטילקייט —
געוועזן און פאַרלאָרן.

כ׳בין געבליבן נאַקעט
אָן אַ טרוים צו באַקליידן מיין לעבן.
אינדערפרי שטיי איך אויף צו מי,
מײַן אָרעם מאָלצייט עס איך אין אָוונט,
און אַזוי פאַרשווינדן די יאָרן
און זיי ווערן פאַרלאָרן.

43

מיליאָנען גראַדן היץ
און טיפֿע, טיפֿע קעלטן
האָבן עס געבוירן
די אומזיניקע וועלטן.

אויף מיך, דעם מענטש
אַרויסגעבראַכט,
אַ פֿינפֿטן ראָד צום וואָגן,
אַן איבעריקע זאַך.

44

פֿון מײַן ווינקל קוק איך אויף דער פֿירונג פֿון דער וועלט,
אויף דער פֿירונג פֿון דעם מענטש
און אויף זיך אַליין.

זע איך: גאָרנישט האָט דאָ נישט קיין זין,
נישט קיין חכמה צו פֿאַרשטיין...

ס׳בלײַבט דיר איינס:
גיין,
גיין,
גיין
ביז עס וועט זיך עפֿענען די טיר, די לעצטע
פֿון נישט־זײַן
און דו — דו וועסט אַריין.

45

אייגנטלעך — נישט נעמט פֿאַר אומגוט מײַנע רייד —
איז די וועלט אַ לאַנגווײַליקער ענין,
מיט אירע בערג און טאָלן,
מיטן ים און הימל —
ס'איז לאַנגווײַליק צו זיין אַ בירגער פֿון דער וועלט!
און זאָגן זאָגט מען נאָך
אַז דער טויט נאָך ווינציקער פֿון דעם איז.
אין קבר איז צומאָל קיין זון נישטאָ,
נישט קיין ווינט
און מען גליווערט דאָרטן ווי די הינט.
און די אייביקייַט — אָ, זײַט מיר מוחל —
איז סתם אַ רויכל.

46

דאָס פּאַפּיר — די ערד פֿון מײַנע לידער,
דער באָדן פֿון מײַן וואָרט —
זיך קלאָגט, — אַז עפּעס וואַרף איך נישט קיין אותיות־קערנער
פֿון מיין פעדער מער.

בין איך שוין אויס זינגער,
איז וואָס האָסטו — פֿרעגט דאָס פּאַפּיר —
מיט דײַן האַרץ געטאָן?
האָסט געהאַט אַ האַרץ צו זייען לידער,
וואָס איז דען מיט דיר געשען?

47

אויף די שטערן — יאָ!
אויף דעם הימל — יאָ!
אויפן לעבן — יאָ!
אויפן מענטשן — יאָ!
אויף דעם נעכטן — יאָ!
אויף דעם מאָרגן — יאָ!
יאָ! יאָ! יאָ! יאָ!

48

ס׳איז אַ וואָלקן איבער מיר אַ הערשער,
צום שטורעם זוך איך מיר אַ שוץ
און אַ שאָטן־פעסטונג צו דער זון.

יעדן טאָג און יעדער שעה
איך בין פּאַרטאָן אין ווידערשטאַנד,
עס זאָל די וועלט מיך נישט אַרייַנזויגן אין זיך
ווי אַ זעמדעלע — דער ים.

49

אַן אומבאַפלעקטער ווײַסער טאָוול
איז דאָס נישט־זײַן!
אָן אָרעמקײַט,
אָן טרויער און פאַרצווייפלונג,
אָן שרעקן פאַרן לעצטן דורכגאַנג,
אָן גאָרנישט,
אָן אומזין פון דער עקזיסטענץ —
אָ, פרייד פון נישט־זײַן, זײַ געבענטשט!

50

אַ ווינטל לויפט אַרום
צווישן זוניקע צעשטראַלטע ביימער
און די צווײַגן־בלעטער זייערע
זיך לאָזן אין אַ בויגעוודיקן גרינעם טאַנץ.
איך קוק אויף דעם און זאָג צו זיך אַליין:
פריי זיך, מענטש, כאָטש דאָס האַרץ איז דיר
פאַרגאָסן מיט געוויין!

אַ פויגל איז אַדורכגעפלויגן,
ווי אַן אויסרופצייכן
צו דעם, וואָס איך האָב דאָ געמיינט.

51

דער שטילער אָוונט פֿאַלט אַראָפּ
אויף מײַן לאַנד, מײַן היים,
באַדעקט אַ יעדן ווינקעלע מיט הויפֿנס רו.
זײַ געזעגנט מידער טאָג
פֿאַרפֿלייצט מיט זון!

שטילער אָוונט האָסט פֿאַרשפּרייט
זוימען־שטויב אויף בייטן פֿון מיין האַרץ!
אַפֿילו אויפֿהויבן די האַנט מיטן שטיקל פּען
איז שווער אַצינד
און נישט אין מײַן געמיט.

עס שיטן זיך די ווערטער אויס פֿון זיך אַליין
און דורך אַ צופֿאַל האָבן זיי אַ זין.

52

אין האַלב־טאָג פון זון
גייסטו אַרום
געבונדן אין גאָלדענע שטריק.

53

כ׳בין אַזוי ווי דער טרעגער,
וואָס גייט מיט דער משא
טראָט בײַ טראָט.
ער וואַקלט זיך,
אָט פאַלט ער,
אָט גלײַכט ער זיך אויס
און שפּאַנט ווידער,
פון אינדערפרי ביז נאַכט
און אין די נעכט אויך,
דורכן חלום אַדורך,
אייביק אַזוי,
און אין ערגעץ דערגייט.

דאָך פילט ער פון לעבן
דעם טעם אין די ציין
ווי פון ראָזעווען ברויט.

54

עלעגיע

מײַן ברודער האָט פֿאַרענדיקט זײַן חשבון מיט דער זון
און איז אַוועק צום לאַנד פֿון די שאָטנס.
נישטאָ שוין מער קײַן באַגינענס און קײַן אָוונטס,
די ערד האָט פֿאַרלאָרן איר גרין און דער הימל זיין בלוי.

אָ, דו פֿאַרויסלויפֿער!
אין דעם נײַעם, אין ריכטיקן לאַנד
וועסטו אויסזוכן אַ פּלאַץ אויך פֿאַר מיר!

איין מוטער האָט אונדז געבוירן און איין פֿאָטער,
פֿאַר דער צוקונפֿט האָבן זיי אונדז געבוירן — פֿאַרן טויט.

דײַן צוקונפֿט איז שוין אָנגעקומען,
און מײַן — איז אויפֿן וועג צו מײַן טיר.
און איך וועל יעדן טאָג זאָגן קדיש
נאָכן לעבן, וואָס האָט געשפּאַסט פֿון אונדז
מיט ליכטיקע טעג און קאָלירן.

וואַרט אויף מיר, ברודער מײַנער!
איך שטרעק אויס מײַנע אָרעמס צו דיר,
באַלד, באַלד וועלן זיי צעגיין אין דעם שאָטן.

55

קומט איר אַלע
פעלדער,
רעגן,
זון,
סטאַדע מײַנע שאָף —
קומט
לאָמיר אויפנעמען דעם טאָג!

56

כ'וועל זינגען אַ ליד אויף דעם פרילינג,
אַ ליד אויף די קנאָספּן פון יעדן צווײַג,
אַ ליד אויף דער בלויקייט פון הימל,
וואָס הענגט אין דעם רוים ווי אַ זײַד.

כ'וועל זינגען אַ ליד אויף דער ערשטער רויז,
וואָס מײַן אויג האָט הײַנט דערבליקט,
אַ ליד אויפן גראָז און אויך ווערטער פון ליב
פאַרן פויגל, פאַרן זשוקל וואָס קריכט.

און אויסרופן וועל איך פון האַרצן
די פרייד וואָס קוועלט־אָן פון ווער־ווייסט־ווי־טיף,
אויף דער שיינקייט, וואָס ווערט דאָ באַשאַפן
פון זיך אַליין, אָן אַ צוועק און אָן אַ זין.

57

...— גוטמאָרגן! וואָלקנס מײַנע, פלאַנצן,
פייגל, פישן, חיות ווילדע און געצוימטע,
ווערים, בינען, שטילע בוימען,
גוטמאָרגן, ברידער מײַנע אין דעם הײַנט!
פאַרצווײלינגטע אין שויס פון מוטער ערד,
גוטמאָרגן, פרײַנד!

58

די איצטיקע רגע איז נאַקעט,
ווי אַ בוים אָן בלעטער,
ווי אַ טרוקענער שאַרבן,
די איצטיקע רגע איז נאַקעט.

קום, לאָמיר לויפן, אַנטלויפן
פון דער איצטיקער רגע.
לאָמיר לויפן צום מאָרגן,
לאָמיר לויפן צום נעכטן.

לאָמיר עפענען אַ שפּאַלט אין דעם הימל,
און אַזוי ווי מיר שטייען און גייען
אַרײַנשפּאַרן זיך
און אַנטרינען.

59

זאָל צופאַלן דאָס האַרץ צו יעדער זאַך
און פאַרוואַנדלען אַלץ אין ליד:
אַ שטיין — אַ ליד,
אַ בוים — אַ ליד,
אַ מענטש — אַ ליד,
דער קריגער אין דער שלאַכט —
אַ ליד געכפלט אויף אַ ליד,
און איך אַליין — וואָס איך בין מיד,
זאָל ווערן אין מײַן מידיקייט — אַ ליד.

60

לויפן, לויפן, לויפן
מיטן קאָפּ אין טאָג אַרײַן
ווי אין אַ ווײַסן פלויט —
אים עפענען און ווײַטער לויפן
און איבעריאָגן יעדערן
און זיך אַליין.

61

ווען איך בין געגאַנגען צו דעם קוואַל פון שירה,
האָב איך אונטערוועגנס אָנגעטראָפן מײַנע ברידער — די פּאָעטן:
— ווי אַלט זיי זײַנען עס געוואָרן! — האָב איך געטראַכט —
ווי אָפּגעוועלקט און ערדיש־גרוי די פּנימער ביי זיי!
צי זײַנען זיי עס די באַהערשער פון די מוזעס,
די רײַטער און באַצווינגער פון פּעגאַז,
דאָס הימל־פערד, וואָס שנײַדט אַדורך דעם חלל
שוין יאָרטויזנטער און ווערט נישט מיד?!
ווי אַלט און מאַט עס זײַנען מיינע ברידער פון דעם ליד!

62

אַלע מײַנע ווונטשן האָב איך אָנגעזעטיקט.
זיי ליגן איצטער אויפן זון, ווי זאַטע הינט אונטערן הימל
און דרימלען זייער רו —
איי־ליע־ליו, מײַן סטאַיע זאַטע הינט אַנטדרעמלטע אין גוף,
איי־ליע־ליו,
איי־ליע־ליו!

63

אַ קליין ווינקעלע וויל איך,
אַ קליין ווינקעלע בלויז,
איך זאָל קענען אַנטלויפן
פון דאָס קרומע אין זיך,

פון דאָס קרומע אין דרויסן.
ווײַל מיד בין איך מיד
צו טראָגן דעם דאָפּלטן יאָך:
דעם פּיין פון מײַן „איך".

די וואָג פון דער וואָך.
אַ קליין ווינקעלע בלויז,
זאָל זיין דאָס אַ ליד,
זאָל זיין דאָס אַן אות.

64

...און גיי דערצייל די שטערן
און די ספערן
פון... אַ בייזן שכן,
פון אַ קרומען מענטשן,
און אויך פון זיך,
וואָס נישט־שטענדיק
ביסטו אין אַ גוטן ליכט.

65

ווי טרויעריק אַ מענטש קען זײַן
אפילו אין טעג פון זון, פון שײַן!
ער גייט — און ער האָט נישט קיין וועג,
אינעווייניק אין אים — איז אַלץ פאַרמעקט;
דער נעכטן און דער אייערנעכטן,
ווּ זײַנען זיי אַוועק?
די מענטשן אַלע — ווּ זײַנען זיי פאַרשטעקט?
די פרויען און די ליבע — קיין סימן נישט קיין פלעק...
אַלץ איז שוין אַוועק...
און דו ביסט נאָר געבליבן
אויף דערמאָנונגען די טריבע...

66

כ׳בין שוין גרייט,
פאַרטיק פאַר מײַן ארון!
זאָל עמיצער די נעגל צוקלאַפּן
איינס און איינס
און אין פּאָרן.

דערנאָך — מיטן פוס אַ שטויס טאָן...
וועל איך קוילערן זיך
אייביק־אייביק
פון תהום צו תהום.

67

...און ווען דער מולד קומט אַרויס,
אַ שטרײַפּעלע פון שײַן,
און אַ פויגל פליט אַדורך,
אַ פּאַרשפּעקטיקטער אין נעסט אַרײַן,
איז פרעג איך:
וואָס האָט ער און איך
צו טאָן דאָ אין דער וועלט פון פּײַן?

68

אַ וואָרט פון דיר,
אַ וואָרט פון מיר,
אַזוי' שעה נאָך שעה.

מיר רעדן מיט פאַרמאַכטע ליפּן,
מיר קוקן מיט פאַרמאַכטע אויגן...
און טרערן נישט־געזעענע
גיסן זיך אַראָפּ...

כ׳הער נאָך איצט
דעם שמועס אונדזערן,
דעם שווייגן־דיאַלאָג.

69

ביז... פון האַנט וועט אַרויספאַלן
דאָס פּאַפּיר,
און איך... כ׳וועל „לעבן" אין דער לופט,
אין אַוויר,
אין דער „גרויסער שטילקייט",
וואָס וואַרט שוין פון לאַנג אויף מיר.

70

גיי דערצייל די שטערן
אונ די ספערן
פונ די זאַכן קליינע
אונ געמיינע...

אונ דאָך... פונ ערגעץ וועט נאָך אָנקומען
(מאָדנע, אַזאַ ווילדער גלויבן!)
אַ כוואַליע פונ דעם העלסטן גוטס
אונ וועט פאַרדעקן
אונ פאַרמעקן
אַלע ווילדגראָזן אונ שטויבן.
אונ וועסט ווידער ווערן
אַ גלײַכער שותף צו די ספערן.

71

אַן אַליינגייער ביסטו געווען,
אַן אַליינגייער וועסטו פאַרבלײַבן...
און דעם לעצטן שפּאַן
אין דער ליידיקייט אַרײַן,
וועסטו נישט פאַרמײַדן.

אַליין, אַליין, און קיינער וועט דיך נישט פאַרבײַטן!
און דו האָסט דאָך געמיינט,
אַז דאָס איז שווער
און פול מיט פּײַן...

אָ, ניין, אָ, ניין,
די אַלייניקייט געלויבט זאָל זיין!

72

איך גיי נאָך אַרום אויף דער וועלט
צווישן זונען און גליַיִקע ווינטן,
אַ שוואַכער, אַן אויסגעלאָשענער העלד,
אַ מידער — און מאָדנע צו זאָגן —
מיט בלוטן, וואָס זידן.

איך גיי נאָך אַרום אויף דער וועלט
נאָך די טרויערן אַלע,
קרומקייט, געפּאַרן,
און אויך האָפענונגען, וואָס נאַרן.

איך גיי נאָך אַרום אויף דער וועלט.

73

ס׳איז אין מײַן לעבן אָוונט.
די בערג — זיי זײַנען שוין פֿון מיר אַנטלאָפֿן.
געלאָזט מיר נאָר די ליידיקייט,
דעם חלל.

ס׳איז אין מײַן לעבן אָוונט.
און קיינער וועט אים נישט פֿאַרטרײַבן
און ס׳וועט נישט העלפֿן
בעטן... קלאָגן...
ס׳איז אין מײַן לעבן אָוונט,
טונקלקײַט און שאָטן.

74

אַוווּ זײַנען אַהינגעקומען
די אַלע גרויסע,
סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און משה?
און וווּ זײַנען אַהינגעקומען
די אַלע קליינע,
ווי איך און ווי דו, —
אַוווּ זײַנען זיי אַהינגעקומען,
אַווו? אַווו?.

די קברים זייערע
זײַנען מסתמא אין דער לופט,
הער זיך גוט צו
ווי זיי שפּאַנען אַרום
אין דורכזיכטיקע קליידער,
ווי יענער מלך...
באַקעטע און פול מיט אייביקער זון,
זע, ווי זיי שוועבן אַרום!

75

...און די טעג בײַטן זיך מיט טעג
און די כוואַליעס — מיט כוואַליעס
און איך בין אַליין... מײַן וועג
איז אין לופטן צעגאַנגען.
כ׳בין אפילו נישט פאַרטראַכט.
כ׳הער גוט — ווי דער אומעט אַליין פון מיר לאַכט.

76

כ׳וועל אויפזאַמלען מײַנע לידער,
וואָרט צו וואָרט,
ווי אַן אומענדלעכן שנור פון קרעלן,
וויפל טעג און נעכט, חדשים און יאָרן,
ליגן אין זיי פאַרבאָרגן... באַגראָבן?

כ׳וועל זיי צונויפזאַמלען,
ווי אַ שטורעם נעמט צונויף די וואָלקנס.

77

אפשר בין איך שוין אַרײַן
מיט מײַן אײנזאַם שיפל
אין דעם ים פון גרויסן שווײַגן.

ווערטער — שוין נישטאָ.
פאַרשווונדן אַלע ווינטן...
אָן זון, אָן נאַכט, אָן שטערן —
דער גרויסער שווײַגן פון נישט־ווערן.

די בלום פון שטילקײַט בליט,
זי וועט קיינמאָל נישט פאַרוויאַנעט ווערן
און איך בין אין איר מיט,
אַ שטילער נעבעכדיקער צוויט.

78

שרײַב איך מײַנע ווערטער
און ווייס נישט דעם „פאַרוואָס?"
סײַ־ווי, זיי וועלן בלײַבן נישט־דערהערטע
כ'האָב דערפון נישט קיין פאַרדראָס,
אָבער דאָך... כ'דערוויס זיך „זאַכן"
וועגן זיך אַליין.
ווען נישט... ווער קען זיך דען פאַרשטיין?

79

כ׳וועל בענטשן די ערד אונטער מײַנע פיס
און דעם הימל איבער מײַן קאָפּ,
און דעם בוים, און דעם מענטש,
וואָס איז דאָ אין דער מיט,
און דעם פויגל, און דעם וואָלקן,
וואָס שוועבן אין דער לופט.
צוזאַמען זיינען מיר אַלע
אַן איינציקער גוף.

80

וויאַזוי דערגייט מען,
צו דער ביסל שיינקייט?
איך פרעג עס ביי די ווינטן,
איך פרעג עס ביי די וואָלקנס.
אפשר ווייסן פרויען,
מען זאָגט, אַז דאָס איז מעגלעך,
כאָטש זיי זײַנען אומדערטרעגלעך.

81

כ׳גיי אַרום צווישן וואָלקנס
און צווישן ווינטן
און גאָרנישט־נישט זוך איך
און גאָרנישט־נישט געפין איך,
דאָך גרייט איז די נשמה
פאַר יעדן אָנגעלויף פון „זאַכן״
טרויעריקע
און אויף צו לאַכן.

ס׳איז די זון ביי מיר
אַ קנאַפּער ייחוס
און די בלויקייטן פון הימל
אין האַרצן אָפּטמאָל שימלען.

נאָר די מענטשן... די מענטשן,
כ׳וויל זיי בענטשן,
אָבער וויאַזוי,
ווי קענסטו ?
זיי רייסן און צערייסן
די סטרונעס פון דיין פידל
און נאַקעט בלייבסטו
אָן אַ סימן פון אַן אייגן לידל,
אָן אַן אָטעם פון אַ ניגון.

82

עס שווימען די וואָלקנס
סתם אַזוי אויפֿן הימל.
קיינער האָט זיי נישט אַרויסגעשיקט
און אין ערגעץ וועלן זיי אָנקומען.

אַזוי איז אפשר אויך מײַן לעבן.
„אונטערוועגנס" וועל איך ווערן „אויס",
און ס׳וועלן קומען אַנדערע וואָלקנס,
די זעלבע פֿליגללאָזע טויבן ווי יענע,
ס׳וועלן קומען אַנדערע מענטשן,
אַנדערע לעבנס,
און אויך זיי וועלן פֿאַרגיין,
און ווערן שפּריי.

83

כ׳וווּנדער זיך, וואָס יעקבֿס חלום איז געווען
אַ לייטער צו דעם הימל,
אַ לייטער צו דער ליכטיקייט און טאָג,
און נישט קיין לייטער צו דער טיפֿעניש אַראָפּ,
צו שווערער פֿינצטערניש, צום תהום.

84

אַ ווינטער־טאָג אין רעגן.
קאַלט.
די כמאַרעס לאָזן איבער זייער גאָב
און טראָגן זיך אָפּ,
אַ גרויער קאַראַוואַן,
אַן אומענדלעכע באַן.

די ביימער — אין שטומען עקסטאַז,
באַוועגן זיך קוים,
און די שווערע טראָפּנס פאַלן,
ווי בלייענער שטויב.
און איך — דער אַנטשוויגענער זינגער —
קוק זיך צו צו דער שפּיל,
ווי אַ ווײַטער, פרעמדער פּרינץ,
וואָס נישט זיין לאַנד איז עס דאָ,
וואָס זײַן אייגענע מדינה איז שוין פון לאַנג
פאַרזונקען — ווער ווייסט ווו — אין אָקעאַן...

85

די נאַטור! עך, די נאַטור!
זי איז פון נעכטן־אייערנעכטן!
זאָל זי גיין צו אַלדי־רוחות
צוזאַמען מיטן שוואַרצן יונגגמאַנטשיק — דעם טויט
און דער פריילן מיט דער בלויער בלוזע — דאָס לעבן!
איך בין בלויז פאַרנומען מיט די קליינע קאָנפליקטעלעך
פון מײַן געסל,
זיי זײַנען דאָס עיקרדיקע,
דער קערן פון מײַנע טעג,
וויכטיקער פון אַלע זונען און פּלאַנעטן —
מײַן הײַנט און מײַן נעכטן!...

86

...און דאָס איז מײַן לעבן,
דאָס איז מײַן שיר אין דער וועלט,
מײַן גאָרנישט־מיט־נישט.

זאָלן מיר די געטער מוחל זײַן,
כ׳בין נישט ווערט דעם שטויב
פון אונטער זייערע פיס.

87

ס׳איז דאָ אין מיר אַן אומרו
און דאָס איז אפשר — ס׳לעבן גופא,
די נשמה אין איר נאַקעטקייַט אַליין
אַן אויסגעשטעלטע אויפן פראָסט פון זייַן.

דערפאַר זי קומט זיך וואַרעמען און זוכן שוץ
ביי יעדער שוועסטערל — די פרוי.
— האָב מיך ליב! — זאָגט זי צו יעדערער פון זיי,
— האָב מיך ליב! ווייל אויסגעשטעלט בין איך,
די אָרעמע,
אויף אַלע בייזע ווינטן פון דער וועלט.
— האָב מיך ליב! — ווייל ציטעריק אַזוי און צאַרט
בין איך —
און כ׳האָב אַזויפיל האַרץ.

88

ס׳איז פרעמד מיר, פרעמד
מייַן אייגן לעבן פון אַמאָל.
צעשמעטערט ליגן יענע יאָרן
אין אָפגרונט פון זכרון.

און מייַן ביסל צוקונפט,
וואָס איז נאָך נישט געבאָרן
ווערט דערנאָך —
אין דעם בין איך גאָר זיכער —
פאַרוואַנדלען זיך אין שערבלעך ברוך.

89

איך בין נאָך דאָ
אַ זײַטיקער,
אַן אומבאַדײַטנדיקער
אין אויפבלי פון פרילינג,
אין אויפגלי פון זון,
אין בלויקײַט פון אַרום און אַרום.

90

אַזויפיל זאַכן, אַזויפיל מענטשן האָב איך געקענט,
אַזויפיל ווינטן האָבן דורכגעאײַלט און אַוועק אין אָן־ענד,
אַזויפיל וואָלקנס זײַנען אַדורך ווי די טונקעלע ווענט,
פֿאַרגעסן האָט זיי שוין מײַן אויג — ווי כ׳וואָלט זיי קיינמאָל געזען.
און איך בין געבליבן מיט דער פּלייט אין די הענט,
און איך בין געבליבן מיטן הענטל פון פּען,
אָן אַ וואָרט, אָן אַ ניגון אין שטייניקן קלעם.

91

ווײַטע בערג,
בלויער הימל,
שטראַלנדיקע זון.
ווערטער דײַנע
נעמען זיך מיט מײַנע
ברידערלעך אַרום.

די מחשבות ביידנס
זײַנען אונדזער אייגנס,
כאָטש קיין האָפענונג
נישטאָ איז
אַז אויך דײַן גוף
זאָל ווערן
אונדזער ביידנס רוף...

92

אַ גאַנצן טאָג האָט מיך באַגלייט
עמיצנס אַ בליק,
אַפּילו דורך די שאָטנס טונקעלע
פון געוויינלעכן
יעדן־טאָג קאָנפליקט.

93

איך קוק אַרויס אין דרויסן:
פרילינג.
יונגער גרין.
ווייכער בלוי פון הימל.
טויבן פלאַטערן אַרום.
אַ ווינטל שטיפערט דורך.
דאָך
כ׳וואָלט צונויפגערופן
אַלע כישופמאַכער פון מצרים,
זיי זאָלן,
זיי זאָלן מיר דערקלערן
וואָס איז די סיבה
פון דעם אומעט דעם שווערן?

94

איך זאָג: שוין־זשע איז עס מעגלעך?
איך האָב עס גאָרנישט־ניט פאַרדינט.
צי מעג איך נעמען דײַן געשאַנק,
צי מעג איך,
פון דײַנע יונגע ווינטלדיקע הענט?
איך וועל זאָגן — ניין!
און שוין!

95

כ׳בין געבוירן געוואָרן אויף דעם פּלאַנעט „וועספּעדיטל״.
ער עקזיסטירט נישט אין ערגעץ,
אָבער איך בין אויף אים געבוירן געוואָרן.

די ערד איז מיר פרעמד,
כאָטש איך לעב שוין אויף איר
מער פון זעכציק יאָר,
כ׳בין שוין דאָ באַלד אַ זקן געוואָרן...

וואָלטן דאָ געשײַנט צען זונען מיטאַמאָל
פון אַלע זײַטן,
וואָלט איך דערפון נישט גליקלעך געווען
ווײַל נישט די שײַן פון דרויסן
האָט באַדײַטונג...

און איך — איך בענק נאָך מײַן פּלאַנעט „וועספּעדיטל״,
וואָס ליגט אויף דער רעכטער זײַט פון מילכוועג,
נעבן דער גרופּע שטערן „דרײַעקיק היטל״...

96

כ׳נעם אויף דעם טאָג, ווי ער קומט.
כ׳קוק אים נישט אין די ווײַסע ציין,
צי איז ער גוט, צי איז ער שיין? —
אַ טאָג — אַ ממזר פון דער זון.

97

מײַנע שונאים האָבן צעבראָכן מײַן טיש און מײַן פעדער,
איך זאָל מײַנע ווערטער נישט לייגן אויף פּאַפּיר.

דרײַ טעג האָב איך אײַנגעהאַלטן די שטים פון מײַן ברוסט
און געשוויגן.
דערנאָך האָב איך פון אָרעמע ברעטלעך
צונויפגעשטעלט אַ נײַעם טיש
און פון אַ שערבל האָב איך מיר געמאַכט אַ פעדער...
זאָל פליסן ווידער מײַן וואָרט ווי די צײַט
אין קאָרעטע פון אוניווערס.

98

אַזויפיל גוטע מענטשן טרעף איך דאָ אין לאַנד,
זיי רעדן ליבע ווערטער
פון גאָט, פון לאַנד, און אויך
ווייטיקלעכע רייד
פון ליַידן, בלוט און טרערן...
און די זון, די ליכטיקיַיט פון טאָג,
פאַלט אויף זיי, אויף מיר,
ווי אַן אומעטיקער שפריי.

99

ווי אַלע, אַלע אייביקיַיטן,
פון אָנהויב ביז דעם סוף פון ציַיט,
אין מיר וואָלטן אַריין...

100

קיין איינציקע טרער...
און וואָלט זי געווען,
וואָלט זי געוויגן מסתמא
ווי הונדערט וועלטן
און נאָך מער...

101

יעדע מערעשקע
און יעדער בוים
פֿאַרשטייען אַלץ
פֿון זיך אַליין
און נישט די אוניווערסיטעטן
קענען וועמען זעטן.

נאָר די ליידיקייט פֿון רוים,
שווער איז צו פֿאַרשטיין...

102

פֿון די ערשטע קינדער־יאָרן
אויף דער הילצערנער לאַווע
נעבן גאונס קלויז
אין שכנות טאַקע פֿון מײַן הויז,
ביז היינט... דורך לענדער און ימען,
טריט מײַנע די זעלבע... קליינע...
און זיי אַלע צוזאַמען
האָבן מיך דערפֿירט
כמעט צו די לעצטע שפּאַנען.

וויפֿל זײַנען זיי די טריט,
וואָס איך בין דורכגעגאַנגען?

103

כ׳וועל אַרײַנשווײַגן אין אײַך,
מענטשן פון מײַן דור —
דעם אומעט פון מײַן לעבן,
דעם טרויער,
וואָס הענגט אין מײַנע אויגן,
ווי אַ שוואַרצער זעגל.

אַרײַנשווײַגן וועל איך אין אײַך
די באַגראָבענע אין ווײַסן קבר פון דער צײַט
פאַרגאַנגענע טעג
און די נאָך־נישט געבוירענע,
וואָס זײַנען אין וועג —
דעם אייביקן טײַך
פון לײַדן און צער
אַרײַנשווײַגן וועל איך אין אײַך.

104

די מילדקייט פון אָוונט
פאַלט אויף מיר
מיט אַ גילדערנער שײַן,
אָבער אינעווייניק אין האַרצן,
קומט זי נישט אַרײַן.

105

ווען איך זאָל אַפּילו שווײַגן,
וועט זי, די וועלט, רעדן...
פון זיך אַליין
דורך יעדן שטיין,
דורך יעדן בוים,
דורך בערג און טאָל,
דורך וואָלקנס און דורך שטערן.

איך וועל שווײַגן,
אָבער זי, די וועלט, וועט שטענדיק רעדן,
ווײַל איר „זײַן"
איז ווי ברויזיק ווײַן,
מײַן שווײַגן
וועט דאָ גאָרנישט פאַרמײַדן.

106

כ'וואָלט געוווּנטשן די מענטשן,
זיי זאָלן ליב האָבן וואָלקנס.
איך ווייס נישט פאַרוואָס —
אָבער נאָר זיי האָב איך האָלט.

די וואָלקנס אויבן
וועל איך אייביק לויבן.

107

וואָס ווילסטו נאָך, מײַן האַרץ?
אַלע „זאַכן" האָסטו שוין דערגרייכט,
און אַלץ ז'געבליבן ווי געווען.
די הייך איז הייך,
די נידער — נידער.
נאָר איך בין שוין נישט שיין,
כמעט אַן אַלטער מאַן,
וואָס וועט זינגנדיק אַריבערגיין
די שוועל פון שווערן
צו דעם „לײַכטן זײַן",
באַגלייט פון אַלע שטערן
מיט זייער אייביק־בלינצנדיקער שײַן.

108

יענע טעג — אַ טרויעריקער פלעק,
זיי זײַנען שוין אַוועק,
פאַרשוווּנדן אין דעם שוואַרצן העק...

109

אַ לויכטנדיקע זון האָט מיך באַגעגנט,
אַ זון פון ערשטן חודש האַרבסט,
נאָך אַ נאַכט פון אומעטיקע וועגן
דורך חלומות בייזע און קאָשמאַר.

האָב איך (מ׳קען עס לײַכט פאַרשטיין)
פרייען זיך געדאַרפט:
ווידער טאָג,
ווידער לויכטנדיקע שײַן —

אָבער גאָרנישט איז פון דעם געשען.
דאָס האַרץ איז טרויעריק געבליבן, ווי געווען —
ווײַל נישט פון דרויסן קומט די פרייד צוגיין
און דאָס ליכט פון הימל איז ווייניק נאָך
ווען עס קומט אַליין
נישט באַגלייט פון קוועלכעלע אין ברוסט
(דאָס איז יעדערן באַוווסט).

בין איך געגאַנגען אין דער שײַן
מיט טריט פאַרפלאָנטערטע אין פּײַן.

110

נעכטן האָט דער אָונטשטערן
אַרײַנגעבליקט גלײַך אין מײַן געזיכט.
און איך — בין גלייכגילטיק געבליבן צו זיין ליכט.

און אייערנעכטן — איך געדענק עס קלאָר —
האָב איך געוואָלט אַרומנעמען
די גאַנצע וועלט און די גאַנצע וואָר,
ווײַל ליבשאַפט האָט געצערטלט מײַן געמיט —
זײַנען וווּיל און זינגעוודיק געוועזן מײַנע טריט.

און הײַנט... בײַם אויפשטיין אין דער פרי,
ווען די זון די גאָלדענע האָט אויפגעבליט
אין בלויען הימל — ווײַט און ברייט
און דאָס גרין פון בוים און בייט,
האָט זיך, ווי אַ ים צעשפרייט —
בין איך געבליבן קאָלט און פרעמד
צו דעם גאַנצן ליכטיקן פאַרנעם.

שווער גאָר צו פאַרשטייך,
אָבער ס׳איז פּאָרט אַזוי געשען.

111

...איצט פרעג איך ביי מײַן גורל:
צי איז עס רעכט אַזוי,
צי איז ער גוט געווען צו מיר
ווען דאָס „גרויסע גליק״
האָט ער פאַר מיר פאַרשטעלט
און דעם „בלויען פויגל״
פאַרטריבן פון מײַן וועלט
און מיך געלאָזט פאַרשעמט,
מיטן אומעט אין די אויגן?

איך ווייס עס נישט ביז הײַנט,
צי איז דער גורל מיר אַ שונא, צי אַ פריינד.

112

...נישט-פאַרויסזעענדיק איז דער טאָג
פון חשבון געקומען.
איך האָב נאָר געשוויגן...
נאָר זי האָט עס באַנומען
ווי אַ ווילדן ברומען...

און כ׳באַדויער עס זייער
ווײַל דער ווי פון יענעם
טוט מיך פאַרשעמען.

113

עס זײַנען דאָ וואָלקנס,
עס זײַנען דאָביימער אין בלי,
עס זײַנען דאָ טויבן אין פלי,
אָבער איך בין נישט הי.
דער ווינט, ווי אַ לעבעדיקער הונט,
וועקט מיך פון דרימל
  און קען מיך נישט דערוועקן —
פאַרשוווּנדן איז די וועלט
  אין אומענדלעכן געפל.

114

כ׳וועל נישט קענען שטאַרבן,
ווײַל דער טרויער וועט נישט לאָזן.
וויאַזוי וועט ער אַליין געדײַען, דער יתום?

115

גענים‍ן וויל איך פון דער שעה
ווי פון אַ רײַפער פרוכט.
מיט די צײַן זיך אײַנבײַסן אין איר
שטאַרק־שטאַרק
און זאָל איר זאַפט
פון מויל אַריבערגיסן זיך
איבער מײַנע ליפּן.

אַזוי, אַזוי זאָל זײַן די שעה!
און נישט ווי איצט — אַ שעה — אַ קראָ.

116

נעכטן האָב איך געהאַט אין חלום
אַ באַגעגעניש פון ליבשאַפט.
ווי טרויעריק און הייס איז אונדז געווען
און די לײַדנשאַפט אַזוי געשפּאַנט
ווי אַ סטרונע אָנגעצויגן.

זיכער בין איך, אַז אויך דו
האָסט געזען דעם זעלבן חלום.
דאָס איז נישט געווען קײַן זעונג פון אַן איינצעלנעם,
נאָר פון אַ צוזאַמען.

אַ באַגעגעניש פון טונקעלע צוויי פלאַמען.

117

נישט קיין שלעכטער טאָג!
אַ טאָג סתם... אָן וואָג...

118

גאָרנישט איז אין מיר פאַראַן.
איך זע זיך דורך און דורך.
אַלץ האָט אויסגעוועפּט.
בלעזלעך אין דער לופט...

119

אפשר איז הונגעריק מיין נשמה
נאָך עפּעס, וואָס איז שווער צו דערגרייכן,
וואָס געפינט זיך בכלל נישט
אין די ברייטן און הייכן.

120

צי דאַרף איך בעטן,
צי דאַרף איך גאָר פאַרלאַנגען,
אַז אַ שטורעם
אָדער גאָר אַ בליץ
זאָל טרעפן מיין געמיט...
און דאַן — אַ געזאַנג, ווי אַ גוס רעגן
וועט פלייצן און פאַרפלייצן
מיין יעדן שריט?

צי דאַרף איך גאָר דעם שטורעם און דעם בליץ?
אַז די שטילקייט איז דאָך אויך אַ ליד!

121

געבענטשט זאָל זײַן די זון
און די בלויקײַט פֿון הימל,
וואָס האָבן פֿאַרפּלייצט דעם אַרום־אַרום
און מײַן געמיט און מײַן בליק
מיט שײַן פֿאַרגאָסן,
כאָטש אין מײַן זכרון,
צי איך וויל, צי נישט,
הענגט נאָך דער נעכטן,
אַ פֿלעק נישט אָפּצומעקן.

געבענטשט זאָל זײַן די זון
און די בלויקײַט פֿון הימל,
וואָס האָבן אויף אַ ווײַל
מיט שײַן פֿאַרגאָסן
דעם פּײַן... און די אַלע פֿאַרדראָסן.

122

ווען כ׳קוק אַביסל פֿון דער זײַט,
זע איך זיך אַליין
אין גאָר אַן אַנדער שײַן:
אויף אַלץ וואָס איז געשען,
אַ ברכה מאַכן ווילט זיך מיר אויף דעם...

123

צוזאַמען מיט די וואָלקנס
מאַך איך מיר
דעם פרימאָרגן־שפּאַציר.

אַ פויגל פליט אַדורך,
אַ פויגל פליט צוריק.
פון ווייטן — בלויע בערג,
זיי ליגן אויף די קני.
און איך
אַ פרעמדלעכער אַזאַ,
גליטש זיך איבער זיי
אַריבער מיטן בליק.

צוזאַמען מיט די וואָלקנס
מאַך איך מיר
דעם פרימאָרגן־שפּאַציר.

124

דער מאָרגן, וואָס וועט קומען,
ווי ער זאָל נישט זײַן,
איך נעם אים אויף:
אָ, קום צו מיר אַרײַן!

די וואָלקנדלעך פון אויבן —
ווי שטענדיק — בלײַבן מײַנע פרײַנד
און אָן ווערטער — מיטן רייניעם האַרץ —
נאָר זיי, נאָו' זיי וועל איך לויבן.

125

עס טרעפט:
קוקסט אויף רעכטס,
זעסטו — שלעכטס,
אויף לינקס —
דאָס נישט־גוטע ווינקט.

ווערט דיר טרויעריק אַזוי:
נישט געבליבן גאָר קיין פּלאַץ
אַ פוס צו שטעלן,
וווּ דו וועסט נישט גיין,
איז וועסטו פעלן!...

אין חלל לײדיקן
בירגער זיך אַרײַן!
אין חלל לײדיקן
מ׳קען אויך גליקלעך זײַן!

און די פּוסטקייט קען אויך
ווי דער דאָרן בליִען,
די פּוסטקייט קען נאָך ווערן
אָנגעפּילט מיט שטערן.

126

טייל מיך אָפּ פון דער וועלט,
טייל מיך אָפּ פון דעם „זײַן",
שטעל מיך העכער!

127

און אַזוי,
טריט נאָך טריט,
גיי איך אונטער זון
און בענק נאָך „אים"
דעם „אויסלייזערישן בלויז",
נאָך דער שיינקייט פון דעם „אויס",
ווו עס הויזט
די „ריינע אייביקייט"
און די שטילקייט
איז אויף אַן אמת גרויס.

128

עמיצער האָט מיר צוגעוואָרפֿן
אַ ליכטיקן באַגין,
סתם־אַזוי... נעם !...
האָב איך אים גענומען —
כאָטש איך האָב אים גאָרנישט פֿאַרדינט —
אויף מײַנע פּלייצעס,
צוזאַמען מיט די בערג, ביימער אין גרין.

אַ ליכטיקע משא טראָג איך אויף זיך
און מיטן וועג־נישט־וועג
גיי איך ערגעץ אַהין,
וווּ דער סוף און דער אָנהויב
זײַנען צוזאַמענגעשפּינט...
אָט־באַלד וועל איך אויך זײַן
אין מיט פֿון זײַן מיט,
וואָס איז דורכזיכטיק אַזוי
און ריין־ריין,
ווי ערשט־געפֿאַלענער טוי.

עמיצער האָט מיר צוגעוואָרפֿן
אַ ליכטיקן באַגין.
כ׳האָב אים גאָרנישט פֿאַרדינט...

129

וואָלט איך אַרײַן
אין דעם „גרויסן שווײַגן"
איצט,
אַצינד,
וואָלט עס מיר געווען גרינג־גרינג
און דער איבערגאַנג
פֿון „דאָ" צו „דאָרט"
וואָלט געווען אויפֿן אָרט.
ווײַל די שײַן פֿון דער זון
און דער פֿינקל פֿון די שטערן בײַנאַכט —
האָבן פֿאַרלאָרן פֿאַר מיר יעדע האַפֿט.

130

אַ שוואַרצע „עגלה" האָט געפֿירט מײַן „מיטה"
און איך בין געלעגן אין איר,
מײַן לעצטע קוואַרטיר.

אַן אײנציקער באַגלײטער איז נאָכגעגאַן
טריט־בײַ־טריט:
דאָס בין איך געווען,
כ׳האָב זיך באַלד דערקענט...

131

דער זעלבער דאָרשט נאָך ליבע און פֿאַרוויַילונג,
נאָך אָנזען און נאָך רום — די זעלבע מעשה.
ווי פֿריִער טוען נישט די אַלטע איַילן
צו דעם קבר — מיט די ביינדעלעך די וויַיסע.

אַמאָל — די ציַיט — געווען ווי אַ סאָלידער וואָגן,
געדאַרפֿט זי אָנפֿילן מיט שטחים גאַנצע מענגעס.
און היַינט — וואָס גייט עס נישט אַריַין אין איינציקע צוויי שעהן?
קייטן בערג און לענדער מיט אַ האַלבן ים אין איינעם.

דאָס איז אפֿשר ס׳איינציקע, וואָס האָט זיך יאָ געביטן:
די אַלטע ציַיט איז ליַיכט געוואָרן, ווי אַ ווינטל,
זי שמעקט מיט רחבותן און פֿיל זעניטן
און ווילנדיק־נישט־ווילנדיק עס שלעפּט זיך נאָך דער מענטש
אין מיטן.

132

כ׳בין נישט קיין קלוגער מאַן
און כ׳האָב נישט פיל צו זאָגן.
דער מאָרגן ט׳קומען מן הסתם
און אייביק וועט נישט אויפהערן צו טאָגן.

איז וואָס פאַרבלייבט פאַר מיר צו רעדן?
ווערטער שוין געניצטע מן הסתם.
ווייל אַלט איז שוין אין אונדזער וועלט דער אָדם
און מיט נעכטנס איז דאָך פול אַ גאַנצער ים.

בלייבט מיר איבער נאָר צו שווייגן.
שווייגן איז דאָך טאַקע גאָלד.
נאָר עפּעס פיל איך אַזאַ שטייגן
פון בליִענדיקער שיין — אַ געזאַנג פון טאָל.

דאָס האָבן מיינע ברידער,
די קינדער פון דעם לאַנד,
דעם שונא אָפּגעטריבן —
די ערד אַליין גייט־אויף אין פרייד־געשאַל.

133

איך בין די פײַל.
איך פלי, איך פלי
דער זון פֿאַרבײַ,
דעם מילכוועג לויף איך דורך
און ווײַטער צי:
פֿאָרויס, פֿאָרויס!
אין אײביקן באַמי.

134

כ׳בין בלויז אַ „געוועין״,
אַ צעגאַנגענער שוים,
כ׳בין נאָר דאָ אין נישטאָ...

135

אַ בלימל אויף דעם גרויען אָרון פון דער וועלט —
דאָס איז מײַן ליד!
אַ טראָפּן שיינקייט פון אַ האַרץ וואָס בליט
אַפילו דאַן ווען ס׳איז שוין מיד.

136

און כ׳האָב געזען ווי דאָס בלוט פון אַ טויב
האָט געלויכטן אין זון
ווען דער שוואַרצער קאָרשון האָט זײַן רויב
פאַרצוקט אין דעם בלוי
און די רו האָט געהערשט אומעטום.

137

זע, ווי עס שײַנט־אויף די זון,
אין שיינקייט דער רויטער באַגין —
צי גיט נישט קיין זין און קיין לעבנס־געפיל
די נאַטור — זאָלסט גלויבן דערין?

און די ליבע, די פרײַנדשאַפט — די שטערן פון האַרץ,
צי האָבן זיי קיינמאָל געלויכטן פאַר דיר?
די פרייד פון אַ ליד,
די שײַן פון אַ בילד,
פון מאַרמאָר דאָס לײַב מיט צעלויכטענעם גליד —
צי האָבן דײַן אויג נישט צעפײַערט, צעגליט?

גייסט אַרום מיט דײַן בליק צו דער ערד צוגעשמידט
און זעסט נאָר דעם קבר, אַ גרוב אין איר מיט,
נישט די בלומען, וואָס זי אַזוי ברייטהאַרציק גיט,
נישט דעם וווּנדער פון וואַקסן פון בוים,
וואָס ציט זיך אַרויף צום זעניט!

די הויכקייט פאַר דיר איז אויך ווי די טיף,
אַ פאַרקערטער גרוב אין חלל אַריין —
דו קוקסט און דו קוקסט און גאַרנישט דערבליקסט —
די פוסטקייט איז גרויס אַרום און אַרום
און דו פאַלסט מיט דער ערד, ווי אַ שטיין, און פאַרזינקסט.

138

ווי קליינגעלט בײַט איך אויס די טעג:
אַ מאָנטיק און אַ דאָנערשטיק — אַ גראָשן.
אַ שבת — אויך נישט מער!

און אַזוי פאַרגייען זיי, די וואָכן
און ס׳בלײַבט פון זיי דאָס זעלבע
וואָס פון בייגל אויפגעגריזשעטן אין גאַס —
אַ לאָך, אַ ליידיקײַט, אַ פּוסטע טרער.

דאָך יאָ,
עפּעס אַנדערש איז אין די חלומות.
דאָרטן לעב איך אויף — אַ לץ, אַ שדל, עמיץ־ווער.
אַלע מײַנע האָפענונגען, דערפילטע
זיך וואַלגערן אויף דר׳ערד.

צונויפגעקלאַמערט מיט דעם האַר פון אַלע וועלטן,
טאַנץ איך אויס מײַן לעבן אויף די שפּיצן פינגער:
— טאַטע האַרצעדיקער־ליבער!

139

זאָלן שפּאַנען איבער מיר די טעג
מיט די גרויע טריט פון רעגן,
מיט די ווײַסע פּיס פון זון,
מיט זײַן מיילן־גאַנג, דער ווינט —

זאָלן קריכן איבער מיר די נעכט
מיט די ווימלדיקע שטערן־וועריס,
מיט די בלייכע שפּינען־פעדים
פון לבנה קאַלטער, ווי מײַן האַרץ —

זאָל שפּאַנען איבער מיר דער גאַנצער גאָט־באַשאַף!

140

...אַפילו מײַן צער אויסצווויינען
איז נישטאָ דאָ פאַר וועמען —
גיי וויין פאַר מענטשן פון אַ נײַעם שטערן!...

141

כ׳האָב מיך שלאָפן געלייגט מיטן עלנט און ווי פון דער וועלט.
מײַן קישן ז׳געווען מיר אַ באַרג פול מיט ביטערניש, לײַדן —
און אויפגעוועקט כ׳האָב מיך — אָ, וווּנדער! — גאָר ליכטיק־צעהעלט,
מיט זיסקייט פון לעבן אין האַרצן, מיט אָפענעם בליק פאַר די ווייטן.

142

די צײַט — דער אומגעזעענער שלייער פון אַרום —
נעמט אין זיך אַרײַן
אויפגאַנגען און שקיעות פון דער זון,
טראָפּנס פרייד און עמערס פּײַן,
דעם אָפּגעקילטן נעכטן און דעם הייסן הײַנט,
און אויך דעם „מאָרגן" וואָס וועט זיכער זײַן.

די צײַט — דער אומגעזעענער שלייער פון אַרום —
ווייסט נישט וואָס איז גלײַך און וואָס איז קרום.
וואָס עס ברויזט און וואָס איז שטום.

און כאָטש איך בין אַ שטילער גייער
אויף מײַן קליינעם אָרט,
בין איך אויך פאַראַן
מיט אַלעמען צוזאַם
אין דעם דורכזיכטיקן שלייער פון דער צײַט,
וואָס איז נאָענט אַזוי און ווייט־ווייט.

143

צווישן ערד און הימל
בין איך דאָ,
אַ גייער סתם,
אַ גייער אויף אַ קורצער שעה.

דערנאָך וועל איך אַוועק
צו דעם ווײַטסטן העק,
ווו ערד און הימל ווערן
דורכזיכטיק און ריין
און אַפילו שימערירנדיקע שטערן
צעשמעלצן זיך און גייען אײַן.

און איך אַליין,
אַ לויטערער, אַ שטילער,
אויף אַלער אייביקייט וועל בלײַבן
און גאָרנישט וועט מיך נישט פאַרטרײַבן.

144

איך און דער לבנה־סערפּ
קוקן זיך אָן
און האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו זאָגן,
און אויך די שטערן־בערן
צוזאַמען מיט אָריאָנס בויגן,
גליטשן זיך סתם אַדורך פאַר די אויגן.

צי בין איך דער איינציקער
אַזאַ אַליינַיקער?
צי אויך זיי — לבנה און שטערן,
זענען ווי איינזאַמע וועלף
אין דער בייזער ליידיקייט פון די ספערן?

איך פרעג די „זאַך" —
אין די ווײַטע ערגעצן... עמיצער לאַכט.

145

עס פֿאַרוואַרפֿט דער פֿישער די נעץ
און וואַרט אויף פֿישעלעך גילדערנע.
איך נידער אַראָפּ אין תהום פֿון מײַן ברוסט
און גראָב־אויס די ווערטעלעך — דימענטן.

עס זאָל פֿאַר מיר לײַכטן דער וועג פֿון דעם טאָג,
איך לאָז זיך אַראָפּ אין מײַן ברוסט און גראָב און גראָב.

146

עס קוקן אַרײַן אין מײַן פֿענצטער
פֿלאַנצן אַזעלכע צעבליטע.
זיי ווילן דערפֿרייען מײַן האַרץ,
וואָס איז אַזוי מיד און פֿאַרביטערט.

— אָ, ניין, מײַנע בליונגען פֿײַנע,
שפּילט נישט קיין ליבע מיט מיר.
איך האָב צו דעם לעבן אַ טענה,
וואָס פֿאַרענטפֿערן קענט איר זי נישט.

אַזויפֿיל מי און האָרעוואַניע
לייג איך אַריין אין מײַן טאָג,
כדי דאָס לעבן זאָל שײַנען...
און דאָך — ווו איז די ליכטיקע גאָב?

147

דער קראַנקער פויגל האָט געפּרוווט נאָך זינגען
פֿון זיין וועלט, וואָס האַלט ביים אונטערגיין:
ווי עס צאַפּלען זיך די הימלען און זיי זינקען,
ווי אַלץ איז אַזוי בלעכן־פּלאַך און גאָרנישט שיין. —

דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַלט און קראַנק, און בלינד.
דער מאָרגן קומט — און ער סיַי־ווי פֿאַרשווינדט.
צו וואָס גאָר עפֿענען דאָס קול — אַ שפּילכל פֿאַרן ווינט?

148

איך קען נישט קומען צו די גוטע ברידער
מיט פֿולע לאָגלען שוואַרץ געמיט.
פֿאַרוואָס קומט זיי דער סם פֿון מיַינע לידער,
דער סם, וואָס קומט פֿון האַרץ אַרויס און בריט —
ווען זיי פֿאַרלאַנגען טרייסט און פֿרייד, וואָס בליט?

פֿאַרוואָס זאָל איך די נאָענטע מיַינע אַלע,
פֿאַרשעמען מיט די בייזע רייד,
וואָס פֿלייצן אין מיר מיט ביטערניש אַ לאַווע,
פֿאַרוואָס די בעכערס פֿול מיט וויי?

149

כ׳האָב גענומען מײַן אינסטרומענט
און געלאָזט די פינגער שוועבן
סתם אַזוי פון אומעט
נישט־פילנדיק אַפילו
די וואָר פון אייגן לעבן.

— שפיל־זשע, שפיל־זשע,
כלי מײַנע, אַלטע,
שפיל מיר אויס אַ נ ע פ ל,
ווו טויט און לעבן קומען
ווי ברידער זיך צוזאַמען.

150

כ׳וועל פאַרלאָזן מײַן שטאָט,
כ׳וועל פאַרלאָזן מײַן הויז
און אַזוי ווי איך גיי
מיט מײַן נאַקעטקייט בלויז
איבער שטחים אַריין
איבער שטחים אַרויס
מיט אַ ניגון אין האַרץ
ציטערדיק־צאַרט
צו אַ לאַנד כ׳וועל דערגיין
פון זוניקן שפריי.

151

אַ ברכה וועל איך מאַכן אויף דער זון:
— זיי געלויבט אין דעם הימלשן בלאָ
אין דעם הײַנטיקן האַרבסטיקן טאָג!

דײַנע שטראַלן נעמען צערטלעך אַרום
מײַן פאַרהאַװעט־צעװאַקסענע שטאָט,
און מיך — דעם איינזאַמען מענטש —
שענקסטו ליכטיקע רו,
בלויז ליכטיקע רו און גאָרנישט דערצו.

152

נישט קײַן לעצט ליד וועל איך זינגען
און נישט קיין ווערטער פון געזעגן וועל איך זאָגן.
ס'וועט די וועלט אַראָפּטריפן פון מײַן וויִע
און אין גאָרנישט אַרײַן זיך פאַרטראָגן.

געוועזן איז אַ מענטש... נישט געוואָרן,
ווי אַ זיפץ אין דעם חלל — פאַרשוווּנדן,
און זאָל קיינער פון מײַנע פרײַנד פּרוּוון
זוכן דעם שוים פון די יאָרן.

153

זײַ ווי דאָס קוועלכל
וואָס שלאָגט פון די הייכן!
עס איז נישט געפאַלן בײַ זיך
פון זײַן פאַלן.

עס שפיגלט אין זיך אָפּ די שטראַלן
און נעמט־אויף די כמאַרעס,
דאָס ליכט און די נאַכט
און עס ווייסט נישט אַפילו
דאָס וואָס עס ווייסט.

ווי אַ מחבר פון לידער,
נישט יאָג זיך נאָך רום,
נישט זוך צו געפעלן מיט ביליקן פּראַכט,
פאַרלירסטו די לעצטע אילוזיע,
בלײַבט נאָך אַלץ אין דײַן האַרץ
עפּעס וואָס וואַכט.

154

מײַן „שרײַבטיש" איז דער אויטאָבוס,
מײַן „שרײַבטיש" איז די גאַס.
און די געפילן אַלע,
ווי די כוואַליעס אין דעם ים,
זיי שלאָגן זיך אַדורך מיט לוסט
אין דעם גרעסטן רעש.

מײַן „שרײַבטיש" איז דער אויטאָבוס,
מײַן „שרײַבטיש" איז די גאַס.

155

בין איך געגאַנגען צו דײַן שטיבעלע דאָס קלײנס
און אויף דער שוועל געזעצט זיך,
נישטאָ פֿאַר מיר קיין אַנדער היים.
די רחבות דריקט מיך — שיער צום אונטערגיין.
פֿאַר מײַן נשמה דאַרף איך
עפּעס נאָענטס און קלײנס...

156

דער טרויער,
וואָס לויערט
פון יעדן ווינקל אַרויס,
איז אַזוי גרויס,
אַזוי גרויס.

ער קומט פון אַלע זײַטן:
פון הימל אַראָפּ,
פון דער פֿאַרשטעלטער דורכן נעפּל — זון,
פון גאַנצן אַרום און אַרום,
פון די פֿאַרלאָרענע טויבן־אויגן,
וואָס זײַנען אויף אייביק פֿאַרפּלויגן...

דער טרויער,
וואָס לויערט,
דו דאַרפֿסט לעבן מיט אים,
ווי ברידער
אין איין הויז
און זאָגן צו אים
יעדן טאָג, יעדע שעה:
כ׳נעם דיך אויף,
כ׳נעם דיך אויף!

157

אַזויפיל מענטשן האָבן הײַנט
פרײַנדלעך מיך געגריסט,
מענער, פרויען — סתם אומזיסט־אומנישט.
און מײַן גרוס צו זיי
איז אויך אַזוי.

דער בלויער הימל
האָט אונדז אַלעמען באַקרוינט
און די זון באַשײַנט.

געלויבט זיי טאָג פון ליבשאַפט
סתם אָן שום באַשייד!
געלויבט זײַ פרייד
אויף אַלער אייביקײַט!

158

איך זאָג צו זיך:
אַן אַרומשפּאַנער צווישן דורות ביסטו,
אַ גייער פון אַ לאַנגן וועג
און דו ווערסט נישט מיד.

ביסט דער אייביק־יונגער
כאָטש ווײַס די האָר,
נאָר אין די אויגן —
דער שטענדיק־בליִענדיקער צוויט.
און דו — דו ווערסט נישט מיד.

159

אין די שפּאַלטן פון די טעג און יאָרן,
אין די ווינקעלעך פון דעם היַינט און דעם מאָרגן,
וועל איך גיין און ווערן פאַרלאָרן,
ווי אַ פויגל, וואָס פאַרשווינדט
אין זיַין פלי צווישן די וואָלקנס.

160

פאַר מרדכי מיטלמאַן

מיַין פריַינד וויל בעטן גאָט פאַר מיר...
אָבער גאָט האָט מיך קיינמאָל געזען,
מיַין טרויער נישט געטרויערט,
מיַין „פרייד" נישט געאַנט,
מיַין שפּאַן נישט געשפּאַנט,
מיַין היַינט נישט געהיַינט
און מיַין שיַין נישט געשיַינט.

זאָלן די געטער זיך נישט מישן אין מיַין וועג
און נישט צעפּלאָנטערן די פעדים פון מיַינע טעג.

צי קענען די געטער פאַרשיטן
די „פּעלונג" וואָס איז דאָ אין דעם מענטש,
דעם ליידיקן ברונעם פון דער עקזיסטענץ?

161

װי בין איך מקנא דעם אַלטן באַך
פֿאַר זײַן שטײַגן אין די הייכן.
גאָר דאָס ערדישע פֿאַרלאָזט ער אַזוי לײַכט,
נישטאָ קיין גרענעץ צו זײַן גרייכן.

העכער פֿון לעצטן הימל שלאָגט ער אָן
מיט די אָרגל־טענער זײַנע,
העכער נאָך פֿון גאָט און זײַנע שײַנען —
װי איז עס אַ מענטש אַן ערדענער װײַט אַזוי דערגאַנגען?

162

אויפֿן אַלטן מאַרק,
נעבן שוואַרצן ברונעם
טאַנצן מיר אַ טאַנץ.

שאָטנס שפּרינגען, שפּרינגען,
שאָטנס פֿאַלן, פֿאַלן,
שאָטנט אין אַ קראַנץ...

163

באַגראָבט מיך נישט — איך בעט
און איך פאַרשווער —
אין אַ קבר, אין דער ערד!
טוט מיט מיר דאָס לעצטע גוטס:
מײַן גוף פאַרברענט
און דאָס אַש
אויף אַלע ווינטן אים צעשפּרייט,
שטויב צו שטויב...

ווי טרויעריק וואָלט מיר געווען
ווען מײַן נאָמען אויף אַ שטיין
וואָלט איך דערזען...

אויב „לעבן" אין דער צײַט
איז מיר באַשערט,
וועט איר דויער דורכברעכן אַ פּערז,
אַ פּערז פון צער און פון געוויין
אין אַ שפּראַך, וואָס — ווער וועט זי פאַרשטיין?

164

איך גיי
און דו גייסט מיט מיר.
נישט ווי אַ שאָטן באַגלייטסטו מײַן וועג,
נאָר ווי מײַן אָטעם.

צוזאַמען
וועלן מיר ערגעץ דערגייען,
דאָרט וווּ די שײַן פֿאַנגט זיך אָן,
וועלן מיר דערלאַנגען מסתמא.

און אַפילו ווען נישט —
איז דער „אין ערגעץ״...
אויך אַ זעניט...

165

כ׳בין ווידער דאָ
אויף די פֿעלדער פֿון דער עקזיסטענץ.
זון און גרין
און בלײַונג,
ווי נעכטן און אַלעמאָל.

די עקזיסטענץ איז דאָ,
אָבער איך בין אָפּגעשוואַכט און גראָ.

166

דאָס ביסל גוטס,
וואָס איז דאָ
אין יעדן איינעם פון אונדז —
איז בלאָס און פאַרוואָסערט
פון אַזויפיל שמוץ.
און דאָך — איך וויס נישט פאַרוואָס —
איך זאָג אָט־די רייד: דער מענטש ווי ער איז
געבענטשט זאָל ער זײַן!
געבענטשט און גערימט!

167

פון מײַן אייגענער
„שוואַרצער ערד" אין ברוסט
וואַקסט אַרויס אַ דאָרן־קוסט.

איך וויס נישט דעם „פאַרוואָס?"
ער שפּראָצט
און צום הימל גלאָצט.

168

אַ נײַער באַגינען איז אָנגעקומען
און איך בין אַרויס צו אים,
געפרעגט: — צו וואָס? צו ווען?
וואָס ער וויל? — —

די בערג פון ווײַטן
און דער יונגער לויפער — דער ווינט,
האָבן זיך פאַר מיר אַנטהילט
און איך האָב געפרעגט:
צו וואָס די שפּיל?

איז עס דען נישט גלײַכער,
נישט בעסער,
כ׳זאָל ליגן אין מײַן שאָטן,
ווי אַ קראַנקער פויגל אין נעסט
און אָטעמען מײַן אָטעם
אין שטילקייט
פון אַלעמען פאַרגעסן?...

169

נאָך אַ טאָג — אַ טראָפּן פון דער זון.
נאָך אַ טרער — וואָס איז דאָך אַזוי שווער!

170

ווען דער טרויער זינגט דיר אַריין אין די ביינער:
אַלץ איז צעפֿאַלן, צעפּיצלט,
און אַ טרייסט איז דיר איצט נאָר
די כמאַרע, וואָס דראָט פֿון דעם הימל —
איז טראַכסטו:
ס׳איז נאָך עפּעס אין דרויסן פֿאַרבליבן
און דיַין חרובע וועלט
איז נאָך נישט מיט אַלעם פֿאַרשניטן...

אַ דאַנק צו דער כמאַרע,
אַ דאַנק צו דעם „דרויסן" —
זיי וועלן מיַין וועלט — וועט וויסט? —
איבערטוישן...

171

פֿון וויַיטן — אַן אילוזיע — בלויע בערג.
פֿון נאָענט — רויִנען פֿון פֿאַרברענטע טעג.

172

דאָס בין איך —
אַ מתנה,
אַ נדבה,
נישט געבעטן —
סתם געוואָרפן אין דער לופט...

און ווייסן ווייס איך אויך,
אַז פּעדים פון מײַן „איך"
ציִען זיך אין אַלע זײַטן,
ווי שפּינוועבס אין דעם האַרבסט...
זיי ווילן פאַנגען עמיצנס אַ בליק,
אַ שמייכל פון סימפּאַטיע,
אַביסל גליק...

דאָס בין איך —
אַ מתנה,
אַ נדבה,
נישט געבעטן —
סתם געוואָרפן אין דער לופט...

173

אַ וואָרט
און אַלע וועלטן,
די געוועזענע
און די וואָס וועלן זײַן,
עפּענען זיך פֿאַר דיר
אין זייער פֿולער שײַן,
מיטן ליכט, וואָס קוועלט
און דרינגט אין דיר אַרײַן.

אַ וואָרט
און עס שפּרייט זיך אויס פֿאַר דיר
דער טיפֿסטער תּהום
אָן גרונט, אָן דנאָ,
און דו — אין אים,
ביסט ווי אַ שטיין, וואָס פֿאַלט
אַראָפּ, אַראָפּ,
טיף־טיף, אָן סוף...

174

...דעמאָלט וועט ער קומען,
דער האַר מיט די ווײַסע אויגן...
און איבער מיר
מיט ליבשאַפט זיך אַריבערבויגן.

קיין בלעטל אויף אַ בוים,
וועט נישט געבן זיך קיין ריר,
און די שטערן, אויבן,
וועלן קוקן
גלײַכגילטיק און מיד...

175

אויף די פעלדער פון מײַן אומעט,
האָב איך פאַרבעטן מײַנע פרײַנד
זיי זאָלן קומען,
זיי זאָלן זיצן מיט מיר
אַ שעה און צוויי
ביי אַ גלעזל טיי.

ווער איז נישט געווען?
אַלע, אַלע... און זע — אַ וווּנדער
אויף די פעלדער פון מײַן אומעט
האָבן אויפגעשפּראָצט בלומען
פון פרייד און פון שײַן.

176

נעכטן האָב איך דאָך אַליין געזען,
ווי די וועלט איז אײַנגעפאַלן,
ווי די הימלען צוזאַמען מיט די שטערן
זײַנען זיך צעפלויגן
שטיקער, שטיקער...
דאָס האָב איך געזען מיט מײַנע אויגן...

און הײַנט... הײַנט איז ווידער זון,
ווידער בלויקייט און פיאָלעטן
אין הויכקייט, אויבן,
ווידער גרין פון גראָז אוןביימער
און ווידער פייגל,
ווידער וואָרקנדיקע טויבן...

און די בערג פון ווײַטן
אין טיול פון טוי באַצויגן.

177

כ׳בין דער פון נעכטן,
פון מאָרגן און פון היינט,
דער מאַן פון דער אייביקער צייט.
אין זיך אַליין בין איך
די נאָענט און די ווייט,
די שטילקייט, וואָס שווייגט
און דער גערויש...
דער גערויש, וואָס שרייט.
און אַלע, אַלע ווינען אין מיין ברוסט:
דער רשע... דער נאַר...
און אויך דער „פיינער מאַן״.
כ׳בין אַ גאָרטן פאַר אַלץ,
אַ מיקראָ־גן־עדן פאַר יונג און פאַר אַלט.
און וואַרפט אויף מיר עמיץ אַ שטיין,
טוט עס מיר טאַקע וויי
אַ טאָג און צוויי
און דערנאָך... כ׳גיי אַריבער איבער דעם
צום נייעם געשען.

ווײַל... אויף יעדן טראָטואַר טרעפסטו אויך אָן
אַ צדיק אַמאָל,
ער איז נעבעך אַזוי בלאַס
און אָפטמאָל פֿאַרוועלקט,
ווי אַ בוים אין האַרבסט,
אָבער ער איז דאָ... געבענטשט זאָל ער זײַן אין דער וועלט!

178

טעג פון דערוואַרטונג,
פון אומרו אין האַרצן,
פון העלדישן ווײ.

טעג פון באַהעפטונג
פון איינעם צום צווייטן:
לעבן — אָדער — פאַרגיין.

טעג פון דערוואַרטונג.

1967

179

...און היינט?
היינט איז עפּעס־אַנדערש גאָר,
ווי אַ שטערן ביסטו פרייַ
אין האָריזאָנט.

דו לייַכסט אַזוי אין אייגן ליכט
און ביסט שוין באַלד אַפילו נישט קיין „איך".
נאָר סתם אַ שטערן אין דעם הימל־פליין,

ווער ווייסט צי איז עס גוט אַזוי.

נישטאָ שוין מער קיין טאָג,
קיין נאַכט...
ס'איז דאָ נאָר ליכטיקייט,
ליכטיקייט אַ סך.

180

אויפֿן וואַנט הענגט אַ פּלאַקאַט
אין אַ שוואַרצער ראַם.
עמיצער איז געשטאָרבן.
אויף אייביק מן הסתם.

איך לייען נישט קיין נאָמען.
אפשר איז ער איך.
דער סוף פֿון מײַנע שעהן
איז אָנגעקומען.
כ׳האָב זיך דאָך אויף אים געריכט...

און די זון אין הימל שײַנט
און לײַכט
און די מלאכים־וואָלקנדלעך
שוועבן רויִק
אין דער אומענדלעכקייט אַרײַן.

געבליבן איז אין האַלדז
אַ טעם פֿון ביטערניש,
אַ ביסל זאַלץ...

181

היים

נעכטן בין איך פול געווען מיט פרייד, מיט שײַן.
ס׳האָט דאָס לאַנד געפײַערט זײַן אויפקום
און זײַן „זיין״.
און איך — מיט אַלעמען צוגלײַך
האָב געזונגען ס׳ליד פון אייגן ברעקל הימל,
וואָס איז מײַן, מײַן, מײַן...
און פון באָדן גרינעם,
וואָס איך האָב אים צעשײַנט...

און אין מײַן פרייד און ליד,
פאַרגעסן האָב איך נישט,
איינצולאַדן דאָ,
פאַרבעטן צו מײַן טיש
יעדערן, פון ווו ער זאָל נישט זײַן,
אויף אַ גלעזעלע לחיים״:

— פאַרן לעבן פון דער וועלט,
פאַר די בערג און טאָלן פון מײַן לאַנד,
פאַר די בערג און טאָלן פון יעדן לאַנד,
פון יעדן קאַנט,
פאַר די וואָלקנס, וואָס זײַנען דאָך פאַר אַלע
און פאַר דער זון! — ווער וועט זאָגן מײַנע אירע שטראַלן?
פאַר אַלעמען, פאַר אַלע!

נעכטן בין איך פול געווען מיט פרייד, מיט שײַן.
ס׳האָט דאָס לאַנד געפײַערט זײַן אויפקום און זײַן „זיין״.

182

כאָטש איך בין שוין נישט יונג,
זענען מײַנע טריט
אין גאַנג
דורך בלויקייט און דורך זון...
און צו די ווײַטע בערג
כ'וויל דערלויפֿן,
אָדער גאָר אַ פֿלי טאָן
מיט איין שפּרונג.

איך זאָג: — מײַן פֿרײַנד,
נישט געבוירן ביסטו הײַנט
און ס'איז שוין צײַט,
ווי דער שטייגער איז בײַ לײַט,
די עלטער אָנצוטאָן אויף זיך
און נישט לויפֿן סתם־אַזוי גיך־גיך.
די יאָרן פֿאַרן מענטש
זיי זענען אויסגעציילט,
זיבעציק, אַכציק, נײַנציק
און אַן עק,

און דערנאָך... יעדער גייט זיך
אויף זײַן „הימעלע" אַוועק,
צו קוקן פון דער הויך
אויף די קינדערלעך אַראָפּ
און ווי אַזוי די זון זי לויכט
אויף נײַע דורותלעך אַראָפּ...

איך רעד די רייד צו זיך
און גיי זיך מיר מײַן גאַנג גיך־גיך.

183

...און אַזוי,
טריט נאָך טריט,
גיי איך אונטער זון
און בענק נאָך „אים"
דעם „אויסלייזערישן בלויז",
נאָך דער שיינקייט פון דעם „אויס",
ווו עס הויזט
די „ריינע אייביקייט"
און די שטילקייט
איז אויף אַן אמת גרויס.

184

כאַאָס

אַלץ צעפאַלט.
ס׳פאַלן פיצלעך זון צווישן הענגנדיקע וואָלקנס.
די וואָרצלען פון די ביימער
האָבן זיך קאַפּויערדיק געשטעלט.
די נאַכט איז אויסגעמישט מיט טאָג.
דער מאַן מיט ווײַב,
די חיה מיטן מענטש איז גלײַך,
די לופט און ערד —
איין פליסנדיקער טײַך;
די הייך און נידער האָבן זיך דערגרייכט.
די שטילקייט און גערויש
שרײַען זיך און שווײַגן זיך אַריבער.
אַלץ איז אויפגעברויזט,
צעמישט,
צעטוישט.
נישטאָ קיין פריִער און קיין שפּעטער,
אַלץ איז „איצט״
און דער איצט איז ווי פאַרשפּיצט,
שאָטנדיק און אויך צעבליצט.

און איך — בין שוין פון לאַנג — נישט איך,
כ'בין דו... און נישט דו,
כ'בין ער און — נישט ער.
כ'בין אַלע — יאָ
און אַלע — ניין.
שווער... און אָן געוויכט,
און מײַן געזיכט האָט ווי אַ ליכט
שוין אויסגעברענט,
שוין אויסגעצאַנקט...
אַלץ צעפאַלט
און גאָרנישט האַלט.
דער אומזין האָט זײַן זין
צעברומט, צעשאַלט.

185

זאָלן וויסן אַלע,
אַז אין דער וואָג פון אוניווערס
איז אויך פאַראַן אַ גראַם,
וואָס נאָר צו מיר געהערט,
פון מיר און נאָר פון מיר
גענערט.

דערפאַר בין איך אַ שותף צו דעם גרויסן „אַל",
מײַן חלק איז אין אים פאַראַן,
מײַן פרייד, מײַן צער.

186

עמיץ האָט מיך פֿאַרלאָרן
אין דער מיט פֿון דער וועלט,
אויף דער פֿלאַך פֿון דער ערד.

איך ווענד מײַנע בליקן רעכטס און לינקס:
אַן אַלטער בוים באַוועגט זיך אין ווינט,
גראָז,
וואָלקנס אויפֿן הימל.

בײַנאַכט האָבן שטערן אויפֿגעבליט
און אַ סערפּל לבֿנה איז געבליבן שטעקן אין דער מיט.

דערנאָך איז געקומען אַ באַגינען
און נאָך אַ באַגינען
און כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט ווער ס׳האָט מיך פֿאַרלאָרן
און ווער ס׳וועט מיך געפֿינען.

187

עזרא

עזרא, ברודער מײַנער, עזרא!
פֿון טויטן־אַש ביסט אויפֿגעקומען ווידער,
און אויסגעשטרעקט מיט פֿרייד
די טרוקענע, די גלידער
און אָפּגעשווענקט אין זון
די שאָטנס פֿון דעם קבֿר.

די אַשן בליִען אויף,
פון אַשן ווערט אַ בלום
און טאַנצן טאַנצט אין הייכקייט
יעדער אבר.

עזרא, ברודער מײַנער, עזרא,
זײַ געלויבט אויף אייביק!

188

ס'איז פרילינג.
אַזויפיל בלומען זײַנען אויפגעגאַנגען פון דער ערד!
נישט פון שיינקייט־ווענן איז די זאַך געשען,
נאָר פון אַ בלומעדיקן ענגן זין
אַרײַנצונאַרן מיטן ביסל נעקטאַר
די פרעסערישע בין
און דערפאַר וועט זי
פון בלום צו בלום פאַרשפרייטן
אָן קיין גרויסער מי
די שטויבעלעך פּאָלין.

דער משורר וועט נאָך קענען זאָגן:
ווי שיין דער פרילינג איז!
ווי די בלומען עפ'נען זיך פאַר אים!...

189

אַ לויבליד וועל איך זינגען צו דעם אומבאַקאַנטן!
צו דעם מענטשן, וואָס איך קען נישט זײַן פּנים,
אָבער ער איז דאָ אומעטום,
אין מײַן לאַנד
און אין יעדן קאַנט...

אַ לויבליד וועל איך זינגען צו דעם אומבאַקאַנטן!
ווײַל פרעמד איז מיר פרעמד
אָט־דער, וואָס איך קען
און זײַן „זיין"
איז פאַר מיר — זייער אָפּט —
גאָר אַ פּײַן,
און זײַן פּנים איז פאַר מיר זייער אָפּט
אַ פלעק — גאָר אָן שײַן.

אַ לויבליד וועל איך זינגען פאַר דעם אומבאַקאַנטן,
פאַר דעם פון גאָר אַן אַנדער גאַס,
פון אַן אַנדער שטאָט,
פון אַן אַנדער קאַנט,
וואָס זײַן בליק האָט מיך קיינמאָל
באַגעגנט מיט האַס

און קיין שווער וואָרט, ווי אַ שטיין,
איז קיינמאָל געפאַלן פון זײַן מויל —
אים וועל איך זינגען אַ לויב,

פאַר אים, וואָס איז געבליבן פאַרהוילן
און זײַן אָטעם איז געבליבן ריין
און זײַן פּנים שיין...
אים — נאָר אים וועל איך לויבן.

190

ס'איז פרילינג!
די נעפּלען פון דעם ווינטער
זענען שוין אַוועק
און אָפּגעדעקט
די ווײַטע בלויע בערג,
די שוועלן אייביקע צום הימל.

ס'ווערט גרינער דער ציפּרעס
און בליִונג — בונטע פלעמלעך פון דעם בוים —
רייסן זיך אַרויס
און ברענען אין דעם רוים.
און די נײַע זון
איז אַ שײַנענדיקער רוף
צו יעדן גוף.

עס ציילן זיך די טריט פון זיך אַליין — —
דאָך אינעווייניק אין דער טיף
איך הער ווי עמיץ וויינט...

191

צו־וואָס רעדן רייד,
אַז ווערטער פאַרשטעלן! —

די נאַקעטקייט אַליין
איז אַ טעמפּל פון שיַין,
ווו מזרח און מערב אין איין פונקט
זיך טרעפן,
אין איין גלייַכן פונק
פון באַהעפטונג.

— פאַראַן נאָך אַ וועלט אויסער „די" וועלט?
— מסתמא פאַראַן,
אָבער ווייַט־ווייַט מן הסתם.

192

כ׳האָב אַ קבר אויסגעגראָבן
פאַר מײַן לעצטער ליבע,
און אַ ברעטל מיט אַ „פה נקבר״
האָב איך נישט געשטעלט.
געשטאָרבן... פאַרגאַנגען... פאַרוועלקט...

איצט בין איך פרײַ צו גיין
דורך דער אַליי
פון זון־און־שאָטן
און קלערן... קלערן
צי איז דאָס לעבן גופא
נישט קיין קראַנקהײַט גאָר,
אַן „עפּעס פעלט״...
און אַז די פרייד איז בלויז אַ בלעזל,
וואָס צעגייט.
נאָר אייביק איז... די לייד
און אַלדאָס איבעריקע איז... רייד,
ווערטער... ווערטער...
ווו דער אמת און דער ליגן
ליגן איינער אין דעם צווייטן אײַנגעדרייט

און גיי דערגיי...
דערווײַל שפּאַציר איך מיר אין געסעלע
פֿון אַ ווינט באַגלייט,
ביז דער טאָג רינט אויס... פֿאַרגייט.

193

איך — איך בין זיך מתוודה אין דעם...
כ'האָב ליב די שטערן.
איך קוק, ווי זיי דערשײַנען יעדן אָוונט,
איינציקווייז... און אין פּאָרן.
כ'האָב ליב די שטערן,
די אַלערליי הימלשע בערן,
די פּלעיאַדן
און די אַלע מזלות,
וואָס וואַנדלען אַרום
אין די הימלשע ימען,
אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט,
לויט דער צײַט, לויט דער שעה.

כ'האָב ליב די שטערן!
„פֿאַרוואָס?", „פֿאַרוועןן?", —
אפשר וועט מיר עמיצער דערקלערן?

194

יעדן טאָג נעם איך אויף די זון אין רו
און יעדן אָוונט געזעגן איך זי אין שלווה.
אַלע גרויסע שטורעמס זײַנען שוין אַדורך,
געבליבן איז נאָך זיי אַ גליוועָר אינעם האַרצן.

דאָס וואָס דאַרף געשען — וועט מסתמא טרעפן.
נאָר איינס איז זיכער און ס׳איז קלאָר:
דאָס גליק, וואָס האָט געמיטן מיך ס׳גאַנצע לעבן,
וועט נישט צום סוף מיך דווקא טרעפן יאָ.

און אַזוי אין שטילקייט און אין רו,
לאָז איך דורך דעם צוג פון מײַנע טעג.
אַוווּ ער פירט — דאָס איז מיר באַוווּסט:
צום אָנהייב פון דעם צווייטן ברעג...

195

דאָן קיכאָט קומט צוריק אין זײַן דאָרף

װען דאָן קיכאָט — דער העלדישער ריטער —
האָט זיך אומגעקערט פון אַלע זײַנע װעגן
צוריק אין זײַן דאָרף —
האָט ער זיך אָפּגעשטעלט
נאָר אויף אַ רגע
בײַ דער שװעל פון דער ליכטיקער,
דער טרוים פון זײַנע טרוימען,
דער אײדעלער דולצינעאַ,
די זעלבע... מיט די גרינע אויגן
און לויכטנדיקע הענט פון העלפאַנטבײן,
אין איר פולער פרויִשקײט און חן,
מיט די שײַנענדיקע גלידער,
װי די הײליקע יונגפרױ אַלײן.
און מער פון דעם — איז איר נשמה
לויטערדיק און רײן...
אין איר נאָמען האָט ער טאַקע
אײַנגעבראָכן אַלע ריזן
און דעם יושר אויף דער װעלט געבראַכט...
עס װאַלגערן זיך נאָך אויף אַלע פעלדער
די שװערדן זײערע און שפּיזן...

און די פינצטערניש האָט ער פאַרטריבן
פון דער וועלט —
אַזוי האָט ער געקלערט,
דער אַלטער ריטער מיט דער יונגער זעל.

*

און דולצינעאַ — די פויערישע טאָכטער,
האָט קוים באַמערקט דעם אַלטן מאַן,
וואָס קניט פאַר איר
און פרעפלט:
„אַ דאַנק!", אַ דאַנק!" —

— מסתמא איז דער אַלטער קראַנק —
האָט זי געשמייכלט אין געדאַנק.

196

דער כמעט־אַלטער ד״ר פאַוסט

דער כמעט־אַלטער ד״ר פאַוסט
האָט געזאָגט אין זײַן האַרץ:
דאָס איינציקע, וואָס עס בינדט אים נאָך
מיט דער אומעטיקער וועלט —
איז די ליבע, — די יונגפרוי
פון דער צווייטער זײַט גאַס —
די מיט די שטראַליקע אויגן,
ווי די סאַזשלקעס גרינע,
און לויכטנדיקע פינגער
ווייסע און גרינגע — —

און אויסגעצירט האָט ער פון דמיון
איר גוף און נשמה
מיט די איידלסטע זינען,
וואָס שפּילן און זינגען
מעלאָדיעס פון אַנדערע וועלטן —
די קליינע מאַרגאַריטאַ
נאָר צו איר טוט ער לעכצן.

*

מעפיסטאָפעלעס, זײַן שכן,
דער מישער פון זאַלבן
און קרייטעכער ווילדע —
רעדט צו דעם אַלטן

מיט ווערטעלעך מילדע:
— ד״ר פֿאוסט, — דײַן גלוסטונג
פֿאַרשטיי איך —
צו שיינקייט דײַן שטרעבן
אין געשטאַלט פֿון דער קליינער
פֿון יענער זײַט גאַס —
פֿאַרקויף מיר דײַן שכל,
וואָס איז דאָך אַזוי גרויס...
און איך וועל זי ברענגען שוין מאָרגן
צו דיר גלײַך אין הויז — —

— מעפֿיסטאָפֿעלעס, מײַן שכן,
אַ דאַנק פֿאַר דער מי!
מײַן ליבשאַפֿט איז גרויס
און גאָרנישט פֿון הי...
זאָל זי די „קליינע״ גיין זיך איר וועג,
און איך — סײַ־ווי
בין שוין רײַך פֿון געפֿיל,
פֿון נײַעם געזאַנג אין מײַן ברוסט,
וואָס קוועלט און פֿאַרפֿלייצט
אַלץ אין אַרום

און דערגרייכט (צי ווערסט עס פֿאַרשטיין?)
צו דער גרויסער שטילקייט
פֿון איבער די שטערן...
מײַן ליבשאַפֿט איז
אַ נייער טײַך אין די ספֿערן.
האָרך, האָרך,
אפֿשר ווערסט אים דערהערן...

197

דער לוין פון דעם גולם פון פּראָג

דער גולם פון פּראָג,
ער גייט אַרום איבער די געסלעך
ביי דער אַלט־ניַיער שול.

שווער איז זיַין טראָט.
יעדער שפּריַיז זיַינער קלאָגט:
נישט ער האָט באַשאַפן זיך,
נישט קיין מוטער
און אפילו נישט גאָט,
נאָר — דער גרויסער מהר״ל
האָט מיט אייגענע הענט
אים געפורעמט...

דער כח אין אים שריַיט אַרויס
פון זיַין ליימענער וואָג:
שלאָגן און ברעכן,
וואַרפן ביז איבער די דעכער
אַלץ, וואָס ער טרעפט,
צעפּיצלען מיט ליימענע פינגער
האָב און פאַרמעג
און נישט פרעגן ביי קיינעם, ביי קיינעם
וואָס מען מעג

און וואָס נישט,
טרעטן אויף אַלץ מיט די ליימענע פּיס,
און טרויעריק איז
און טרויעריק איז...

ביז אין איינעם אַ פֿאַרטאָג,
צי גאָר אַ פֿאַרנאַכט
האָט ער באַגעגנט זי
די טאָכטער פֿון רבֿ,
די קליינע אסתּר אין איר יונגער שײַן.
אפֿשר איז זי טאַקע די זון אַליין...
עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט פֿון ליים,
וואָס שווערט נישט אַראָפּ אויף דער ערד
ווי אַ באַרג פֿון שטיין,
ווי ער אַליין —
נאָר שוועבט אין איר גיין,
ווי אַ ווינטל אויף אַ ברייטן פֿליין
און אירע אויגן לײַכטן
ווי שטערנדלעך פֿון ווײַטן
מיט אַ גרין־בלויער שײַן,
און די הענט בײַ איר

מיט צעזונגענע פינגער,
זײַנען פֿון אַלץ אין דער וועלט
לײַכטער און גרינגער.

*

צו איר איז דער ליימענער גולם
דערגאַנגען
און ווערטער אין זײַן מויל — ליימענע קלאַנגען:
— אסתרל, נישט שרעק זיך פֿאַר מיר!
כ׳בין כמעט אַ מענטש,
און מיד בין איך מיד
פֿון מײַן וואָג,
פֿון די ליימענע טריט,
פֿון דעם פֿינצטערן מײַנעם געמיט —
שענק מיר בלויז אַ בליק,
נאָר אַ בליק...
און אויב... אויב מען מעג,
לאָז מיר באַרירן דײַן האַנט...
מער גאָרנישט, אסתרל קליין,
נישטאָ בײַ מיר קײַן אַנדער מיין...
דײַן האַנט כ׳וועל באַרירן
און דאַן כ׳וועל אַוועק

ווײַט־ווײַט
פון יענער זײַט טעג...
און דאָס וועט זײַן דער לוין
פֿאַרן זײַן דאָס באַשאַף פון ליים
פון דײַן פֿאָטער, דעם גרויסן מהר"ל,
אַ מענטש פון ליים
און פון שטיין...

198

אָ, לעאָנאַרדאָ, לעאָנאַרדאָ!

אָ, לעאָנאַרדאָ, לעאָנאַרדאָ,
אַלטער מײַסטער פון ווינטשי!
האָסט געזוכט, געזוכט
און געפינען — גאָרנישט געפינסטו.

בײַ דער דזשיאָקאָנדאַ הינטערן שמייכל,
איז אַ ליידיקער היכל.

נעכטן פאַרנאַכט האָבן מיר זי געטראָפן
בײַם ראַנד פון די שטיבער,
מיט אַלטע פאַרטריקנטע גלידער,
פאַרצערט,
געבויגן צו דרערד.

און די אויגן וואָס שײַנען
מיט חכמה און פרייד אויפן בילד,
זענען פאַרשאָטנט אַצינד
פאַרלאָשן און בלינד.

אָ, לעאָנאַרדאָ, לעאָנאַרדאָ,
אַלטער מײַסטער פֿון ווינטשי!
לאָמיר זוכן אָ צווייטע מאָנאַ ליזאַ,
וואָס די צײַט וועט איבער איר נישט אַריבער!

199

כ׳פֿאַרשווער דיך, ברודערל מײַנער, עזרא!
גיי נישט אַריבער דעם גדר פֿון דײַן האַרץ,
אין דײַן אייגענער שטילקייט — לעב, ווען פֿאַרגעסן
פֿון מענטשן ביסטו... אָ, עזרא, מײַן פֿרייד און מײַן צער!

200

אַ לויב צו די בלויקייטן אַלע,
אַ לויב צו די גרינקייטן אַלע,
אַ לויב צו דעם וועג אויף וועלכן איך טרעט,
אַ לויב צו דער שטאָט,
אַ לויב צו דעם לאַנד.

כ׳האָב געעפנט מײַן האַרץ און ס׳איז פול מיט הימל,
כ׳האָב געעפנט מײַן אויג און ס׳איז פול מיט ליכט,
כ׳האָב געעפנט מײַן געמיט און ס׳איז פול מיט געזאַנג,
כ׳האָב געעפנט מײַן וועלט און זי קוועלט מיט שײַן.

לאָמיר טאַנצנדיק גיין דורך די שטעגן,
אויף די וועגן צעפּויקן די פרייד פון דעם מענטש!
זע: — ווי אַ גילדענער רעגן עס פאַלן די עכאָס
רונד־אַרום איבער אונדזערע קעפּ.

פון אַנדערע קוואַלן

לי־טײַ־פּאָ

צוויי פּלייטן

אין איינעם אַן אָוונט ווען אײַנגעאָטעמט האָב איך
דעם פּאַרפום פון די בלומען ביים ברעג פון קען־לאָ,
האָט אַ ווינטל פונדערווײַטנס
אַ ליד פון אַ פּלייט מיר געבראַכט.

אויף צו ענטפערן האָב איך
אַ פּלייט אויסגעשניצט פון אַ ראָר
און פאַרוויגט מיט די רויִקע טרעלן
די פאַרכּישופטע נאַכט. —

פון דעמאָלט־אָן ווייסן די פייגל,
אַז ווען עס דעמערט די שײַן פון דעם אָוונט,
צוויי אומבאַקאַנטע צווישן זיך רעדן
אין אַ ברידערלעך־נאָענטער שפּראַך.

אָמאַר קאַיאַם

פינף לידער

א

כ׳האָב געזען אַ מענטשן, וואָס אַנטלויפנדיק פון דער וועלט,
האָט ער געפונען די רו אויף אַ וויסטן באָדן.
ער איז נישט געווען קיין אַפיקורס, אויך נישט קיין גלויביקער
מוסולמאַן,
ער האָט גאָרנישט פאַרמאָגט, אין גאָרנישט געגלויבט,
נישט אין אמת, נישט אין צווייפל און נישט אין טויט.
ער האָט בלויז דאָס לעבן געלויבט.

ב

אָרעמער קאַיאַם! — דײַן קערפּער איז גלײַך צו אַ געצעלט
און די נשמה, וואָס באַוווינט אים — איז דער סולטאַן.
איר האָריזאָנט איז דער מדבר, און נאָר דער מדבר,
דער גאָרנישט איז איר סוף.

ווען דער סולטאַן האָט פאַרלאָזט זײַן געצעלט,
קומען די באַגרעבער און צעשטערן אים —
און עס פאַנגט זיך אָן אַ נײַע רײַזע,
אַ נײַער געלאָף.

ג

אָ, אָרעמע נשמה מײַנע,
אויב געוויין, אויפלייזונג,
בלוט און טויט,
איז דײַן טונקעלער גורל
און דער באַגין פון יעדן טאָג,
ברענגט נאָר נײַעם פּײַן —
איז זאָג מיר, נשמה מײַנע, וואָס איז דער מיין?
נאָך וואָס ביסטו געקומען אַהער,
אַז לעבן איז מיר ווּעסטו בלויז
אין לײַדן און נישט מער?

ד

ביסט דורכגעגאַנגען די וועלט שפּאַן נאָך שפּאַן,
און דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט געזען,
איז ווי אַ רויך פאַרגאַן.

האָסט געפילט דאָס דורכשוועבן אַזוי ווי אַ כּישוף
מעלאָדיעס און ווערטער — אַלץ האָסטו געהערט.
אָבער דאָס איז אַלץ גאָרנישט,
און נישט מער.

דעם גאַנצן אוניווערס האָסטו אויסגעמאָסטן,
דעם אוניווערס אין זײַן אומענדלעכער ספער.
אויך דאָס איז גאָרנישט,
און נישט מער.

צום סוף אין אַ ווינקל האָסטו זיך פֿאַרבאָרגן
פֿון דײַן שטיבל, און וואָס האָסטו געזען אין דײַן טרער?
גאָרנישט מיט גאָרנישט
און נישט מער.

ה

כ׳האָב געלעבט אין גן־עדן דאָרט אויבן אין הימל,
אָן זאָרגן, אָן צווייפֿל, אָן מוראס,
און אין איינעם אַ טאָג — שטרעבנדיק צו נײַעס,
עפּעס בעסערס צו געפֿינען —
האָב איך, ווי דער אָדלער, זיך געוואָרפֿן אונטן,
צו דער ערד דער גרינער.

אָבער זינט איך בין אַהער געקומען, — פֿאַרלוירן,
איינזאַם, נאָר מיט דעם סוד פֿון מײַן אומרו —
האָב איך נישט געקענט געפֿינען אַ מענטשן,
וואָס איז ווערט מײַן פֿאַרטרויען —
און איך בין געלאָפֿן צוריק פֿון וווּ איך בין געקומען.

נעלי זאַקס

צוויי לידער

א

דאָס געזאַנג פון די נישט־געבוירענע

מיר, די נישט־געבוירענע,
דערפילן דאָס לעבן ווי עס שפּראָצט,
און די אָדערן פון בלוט שפּרייטן זיך אויס
אונדז אויפצונעמען...

אַזוי ווי אַ טוי וועלן מיר לײַכטן אין אײַער ליבע,
ווען די שאָטנס פון צײַט צווייפלען נאָך
איבער דער מיסטעריע פון אונדזער קומען.

איר, די פאַרליבטע,
איר, די עקזאַלטירטע,
האָרכט, — איר קראַנקע אויף טויט:
מיר זײַנען די וואָס לעבן שוין אין אײַערע בליקן,
אין אײַערע פינגער, וואָס זוכן אין בלויען אַרום,
דאָס זײַנען מיר — וואָס ברענגען אַרײַן אין פרימאָרגן
אַלע ריחות פון פאַרפום.

שוין, — און מיר דרינגען אַרײַן אין אײַער אָטעם —
נעמט אונדז מיט אין אײַערע חלומות,
אײַערע טרערן וועלן זײַן אונדזער ערדענע היים,
וווּ די נאַכט — די שוואַרצע אַם —
וועט אונדז האָדעווען און לאָזן וואַקסן,

ביז מיר וועלן אויפשײַנען אין אײַערע אויגן,
ביז מיר וועלן רעדן רייד אין אײַערע אויערן!

אַזוי ווי זומערפייגעלעך
וועלן מיר זײַן פֿאַרפּלאָנטערט אין די נעצן פון אײַער באַגער,
געקומען אויף דער ערד ווי אַ סוויסטשעריי פון פייגל,
ווי דער דופט פון באַגינען,
ווי פונקען פון שײַן אין אײַער טרויער.

אַזוי ווי זומערפייגעלעך
פֿאַרפּלאָנטערט אין די נעצן פון אײַער באַגער...

ב

דאָס ליד פון די גראַטעוועטע

מיר, די גראַטעוועטע,
דורך וועמעס פוסטן געביין דער טויט האָט שוין גערופן,
דורך וועמעס לײַב דער טויט איז שוין אַדורך...
אונדזערע גופים שרײַען נאָך
אין דער פֿאַרשטומטער מוזיק...

מיר, די גראַטעוועטע,
עס הענגען נאָך די שטריק אויף אונדזערע העלדזער
אין ליכט פון באַגין...
נאָך פילן זיך אָן די שעהן מיט אונדזער בלוט
אַ טראָפן נאָך אַ טראָפן...

מיר, די גראַטעוועטע,

נאָך פרעסן אונדז די ווערים פון פּחד,
און אונדזער שטערן וואַלגערט זיך אין שטויב...

מיר, די גערעטעוועטע,
מיר בעטן אײַך:
ווייזט אונדז פאַוואָלינקע אײַערע זונען,
פירט אונדז פון שטערן צו שטערן טריט בײַ טריט.
זעט, אַז מיר זאָלן זיך אויסלערנען לעבן
פונדאָסניי, נישט־געאיילט.

ווײַל אַ פויגל־געזאַנג,
אַן עמער וואַסער פון ברונעם
קענען נאָך אויפרייסן אונדזער ווייטיק,
וואָס מיר האָבן מיט אַזויפיל מי באַזיגט,
און מיר וועלן בלײַבן פאַרשעמט פאַר זיך אַלייך.

מיר בעטן אײַך:
ווײַזט אונדז נאָך נישט קיין בייזן הונט,
ווייל ס׳קען טרעפן, ס׳קען טרעפן,
אַז מיר זאָלן זיך צוריק פאַרוואַנדלען אין שטויב,
פאַר אײַערע אויגן וועלן מיר ווערן שטויב.

ווײַל וואָס, אייגנטלעך, האַלט־אויף אונדזערע גלידער?
מיר, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן דאָס לעבן
און וועמעס נשמות זײַנען שוין אַרויף צו אים
אין מיט פון דער לאַנגער נאַכט,
אַ סך פריִער ווי ס׳האָבן זיך גערעטעוועט אונדזערע גופים
אין דער שיער־נישט פאַרשפּעטיקטער רגע...

מיר, די גראַטעוועטע,
מיר דריקן אייַער האַנט,
מיר דערקענען אייַערע אויגן...
אָבער, ווייסט
עס פאַרייניקט אונדז בלויז די צעשיידונג...
די צעשיידונג אין דעם שטויב
פאַרייניקט אונדז מיט אייַך.

וואָלט וויטמאַן

אַ געזאַנג צו דעם מענטש

א

אַ לויב און אַ געזאַנג צו זיך אַליין,
און דאָס וואָס איך זאָג וועגן זיך,
זאָג איך אויך וועגן דיר,
ווײַל דאָס וואָס איך פֿאַרמאָג, פֿאַרמאָגסטו אויך
און יעדער אַטאָם פֿון מײַן גוף,
איז דײַנער אויך.

איך וואַנדער... און כ׳פֿאַרבעט מײַן נשמה
צו וואַנדערן מיט מיר.
איך וואַנדער און ווען מיר גלוסט זיך,
איך לאָז מיך אַראָפּ אויף דער ערד
כדי צו זען ווי עס וואַקסן אין זומער די גראָזן.

מײַן שפּראַך און יעדער מאָלעקול פֿון מײַן בלוט,
זענען דאָ געבוירן,
פֿון דער דאָזיקער ערד און פֿון די דאָזיקע ווינטן.
ס׳האָבן מיך געבוירן עלטערן,
וואָס זענען דאָ געבוירן
פֿון עלטערן, וואָס האָבן דאָ געבוירן אַנדערע עלטערן,
פֿאָטערס און קינדער פֿון דער דאָזיקער ערד
און פֿון די דאָזיקע ווינטן.

כ׳בין אַלט זיבן און דרײַסיק יאָר.
מײַן געזונט איז אויסגעצייכנט.
און מיט מײַן ריינעם אָטעם
הייב איך הײַנט אָן צו זינגען
און כ׳וועל נישט פֿאַרענדיקן מײַן ליד
ביזן טאָג פֿון מײַן טויט.

זאָלן איצט ווערן אַנטשוויגן אַלע סעקטעס און גלויבנס.
צוריק... אויף זייער פּלאַץ!
איך ווייס וואָס איז זייער מיסיע
און כ׳וועל עס נישט פֿאַרגעסן.
זאָל עס קיינער פֿאַרגעסן.
אָבער איצט שטעל איך אַרויס מײַן ברוסט
אַלצאיינס פֿאַר גוטס און פֿאַר שלעכטס.

איך לאָז רעדן אַלעמען אָן באַגרענעצונג
און איך עפֿן אויף פֿאַר אַלע די טירן
פֿון דער ערשטער ענערגיע
פֿון דער אומבאַצווונגענער נאַטור.

ב

די שטיבער און די צימערן
זײַנען איבערגעלאָדן מיט פּאַרפֿום.
די פּאַליצעס און די אַלמערס זײַנען פֿול מיט פּאַרפֿום.

איך אָטעם זיי אַרײַן און בין צופרידן
פון זייער אַראָמאַט.
איך פֿיל זייער אָפּשוואַכנדיקן אײַנפֿלוס.
אָבער איך רעבעליר... איך רעבעליר און אַנטלויף.

די אַטמאָספער איז נישט קיין פּאַרפום.
זי האָט נישט דעם טעם פון עסענצן.
זי האָט נישט קײַן גערוך.
זי איז געמאַכט פאַר מײַן מויל
און איך זאַפּ זי אײַן און פאַרער זי ווי אַ כלה.
כ׳וועל גיין אַראָפּ וועג ווו עס פאַנגען זיך אָן די וועלדער
און כ׳וועל זיך אָנטבלויזן נאַקעט
כדי צו געניסן משוגענערווײַז פון זייער קאָנטאַקט.

כ׳האָב ליב צו זען דעם הויך פון מײַן אָטעם,
די כוואַליעס פון טײַך,
די זײַדענע פעדים וואָס וויקלען זיך צווישן דיביימער,
די שטענגלעך, ווו עס שפּאַרט אָן דער וויינשטאָק.
כ׳האָב ליב צו הערן די עכאָס,
דעם גערויש.

דאָס מורמלעריי פֿון דעם וואַלד,
כ׳האָב ליב צו פֿילן דעם פֿאַרליבטן שפּאַר
פֿון די וואָרצלען דורך דער ערד,
ווען דאָס בלוט פֿאַרפּלייצט מײַנע לונגען.

די ריינע לופֿט, וואָס ווייעט אַדורך,
באַגייסטערט מיך און פֿאַרברייטערט מײַן אָטעמען.
כ׳האָב ליב דעם גערוך פֿון די גרינע בלעטער
און אויך פֿון די פֿאַרטריקנטע,
די טונקעלע פֿעלדזן פֿון דער פּליאַזשע
און די הײַפֿעלעך היי אין די פֿייגל־נעסטן.
כ׳האָב ליב צו הערן דעם געליאַרעם פֿון מײַן שטים,
וואָס שלײַדערט ווערטער,
וועלכע ווערן פֿאַרלאָרן אין געווירבל פֿון ווינט.

כ׳האָב ליב צו קושן,
אַרומצונעמען,
און צו דערגרייכן דאָס האַרץ פֿון אַלע מענטשן מיט מײַנע אָרעמס.
כ׳האָב ליב צו זען די שפּיל צווישן דיביימער
פֿון ליכט און שאָטנס ווען אַ ווינטל
באַוועגט זייערע צווײַגן.
דאָס קלאַפּן פֿון מײַן האַרץ

כ'האָב ליב זיך צו פילן אַליין צווישן די המונים פון שטאָט,
אין די סטעפּעס
און אויף די שיפּועים פון די בערג.
ווי געפעלט מיר צו פילן מײַן גוף
שטאַרק און געזונט אונטער דער שײַן
פון דער פולער לבנה,
און זיך אויפצוהויבן זינגענדיק פאַרטאָג
אויף צו באַגריסן די זון.

וואָס האָסטו געוואָלט?
איך זאָל זיך צופרידנשטעלן מיט טויזנט העקטאַר באָדן,
דו מיינסט, אַז די גאַנצע ערד וועט זײַן צו פיל פאַר מיר?
צוליב וואָס האָסטו זיך אויסגעלערנט לייענען,
אַז דו קענסט נישט פאַרשטיין ווי געהעריק מײַנע לידער?

*

ווײַן מיט מיר אַ טאָג און אַ נאַכט,
און איך וועל דיר ווײַזן דעם מקור
פון אַלע מײַנע לידער.
דו וועסט האָבן דאַן פון אַלץ, וואָס איז גרויס

אויף דער ערד און אויף דער זון
(אויסערדעם זענען נאָך פֿאַראַן טויזנטער וונען אויבן אַרויף).
און קיינער וועט שוין נישט נעמען קיינמאָל
פֿון דער צווייטער און דריטער האַנט.
און דו וועסט שוין מער נישט קוקן
מיט די אויגן פֿון די פֿאַרשטאָרבענע,
און דו וועסט זיך שוין מער נישט שפּייַזן
מיט די געשפּענסטער פֿון די ביכער.
אויך וועסטו נישט קוקן אויף דער וועלט מיט מייַנע אויגן
און דו וועסט נישט נעמען די זאַכן מיט מייַנע הענט.
וועסט זיך אויסלערנען צו האָרכן אין אַלע ריכטונגען
און דו וועסט לאָזן די עסענץ פֿון דער וועלט
אַרייַנדרינגען טיף, גאָר טיף אין דייַן וועזן...

אינהאַלט

ליכט און שאָטן

דאָס בין איך 7
מייַן געמיט איז פול מיט בלי . 8
וואָס ווילסטו מער, מייַן פריינד? 8
כ׳האָב אויפגענומען דעם אָוונט 9
אַ שיר וועל איך זינגען . . . 9
אָט אַזאַ ווי איך בין 10
כ׳בין כמעט אַן אַלטער מאַן . 10
מיט מייַן זינגנדיק געמיט . . 11
נאַקעט בין איך 12
גיב מיר אַ פּערז 12
אַזויפיל מתים ליגן 13
ס׳האָט מיך קיינער באַרויבט . 14
קיין יידישע שרייַבער 14
בלויז אַ בליק 15
ווו איך זאָל נישט טאָן אַ בליק 15
אַזויפיל רו 16
זיבעציק לופטיקע וועגצייכנס . 71
עס אײַלט אַ ווינטל 17
דערווייַל שלאָגט אין מיר די זון 18
אויסגעמישט אין אייַנעם . . 19
נאָך די אַלע קרומע גענג . . 19
כ׳בין געבליבן 20
הייַנט וועט זיין 21
בייַ וועמען בין איך 22
דער מעטעאָר 22
וואָס האָב איך געמייַנזאַמס . . 23
איך קוק אויף די בינטעלעך . . 23
מיט גרויסע פענדזלען גאָלד . 24
אין ליידיקייט פון טאָג — דו ! . 24
וואָס איז דיכטונג ? 25
כ׳בין אַן אָרעמער אורח . . . 25
פון אַלע מייַנע לעבנס 26
כ׳בין געגאַנגען מייַן וועג . . 27
ווי עס בייַטן זיך די טעג . . 27
די קוואַלן פון געפילן 28
ווי גלוכט זיך אָפּט אַ שפּיי־טאָן 28
ס׳איז מייַן וועלט 28
די רויקע פרייַד 29
כ׳וועל זיך איבערבעטן 29
נאָר דו, קליינע „זי" 30
כ׳האָב אַמאָל געקלערט 31
כ׳בין געבלבין נאַקעט 31
פון מייַן ווניקל קוק איך . . . 32
מיליאָנען גראַדן היץ 32
אייגנטלעך 33
דאָס פּאַפּיר — די ערד 33
ס׳איז אַ וואָלקן איבער מיר . 34
אויף די שטערן — יאָ ! . . . 34
אַן אומבאַפלעקטער ווייַסער . 35
אַ ווינטל לויפט אַרום 35
דער שטילער אָוונט פאַלט . . 36
אין האַלב־טאָג פון זון . . . 37
כ׳בין אַזוי ווי דער טרעגער . 37
עלעגיע 38
כ׳וועל זינגען אַ ליד 39
קומט איר אַלע 39
גוטמאָרגן, וואָלקנס מייַנע . . 40
די איצטיקע רגע איז נאַקעט . 40
זאָל צופאַלן דאָס האַרץ . . . 41
לויפן, לויפן, לויפן 41
ווען איך בין געגאַנגען . . . 42
אַלע מיינע ווונטשן 42
אַ קליין ווינקעלע וויל איך . . 43
ווי טרויעריק אַ מענטש . . . 44

און גיי דערצייל די שטערן . . 44
כ'בין שוין גרייט 45
און ווען דער מולד קומט . . 45
ביז פון האַנט 46
אַ וואָרט פון דיר 46
גיי דערצייל די שטערן . . . 47
אַן אַליינגייער ביסטו געווען . 48
איך גיי נאָך אַרום 48
ס'איז אין מײַן לעבן אָוונט . 49
אַ ווו זײַנין אַהינגעקומען . . 50
כ'וועל אויפזאַמלען 51
און די טעג בײַטן זיך מיט טעג 51
אפשר בין איך שוין אַרײַן . . 52
שרײַב איך מיינע ווערטער . . 52
וויאַזוי דערגייט מען 53
כ'וועל בענטשן די ערד . . . 53
כ'גיי אַרום צווישן וואָלקנס . 54
עס שווימען די וואָלקנס . . . 55
כ'וואונדער זיך 55
אַ ווינטער־טאָג 56
די נאַטור, עך, די נאַטור . . 57
און דאָס איז מײַן לעבן . . . 57
ס'איז דאָ אין מיר אַן אומרו . 58
ס'איז פרעמד מיר, פרעמד . . 58
אַזויפיל זאַכן 59
איך בין נאָך דאָ 59
ווייטע בערג 60
איך קוק אַרויס אין דרויסן . 61
איך זאָג : שוין־זשע 61
כ'בין געבוירן געוואָרן . . . 62
כ'נעם אויף דעם טאָג . . . 63
מיינע שונאים האָבן צעבראָכן 63
ווי אַלע, אַלע אייביקייטן . . 64
אַזויפיל גוטע מענטשן . . . 64
יעזע מערעשקע 65
פון די ערשטע קינדער־יאָרן . 63
כ'וועל אַרײַנשווײַגן אין אײַך . 66
די מילדקייט פון אָוונט . . . 66
ווען איך זאָל אפילו שווײַגן . . 67
כ'וואָלט געווונטשן די מענטשן 67
וואָס ווילסטו נאָך 68
יענע טעג 68
אַ לויכטנדיקע זון 69
נעכטן האָט דער אָוונטשטערן . 70
איצט פרעג איך 71
נישט־פאָרויסזעענדיק 71
כ'וועל נישט קענען שטאַרבן . 72
עס זיינען דאָ וואָלקנס . . . 72
נעכטן האָב איך געהאַט אין חלום 73
געניסן וויל איך פון דער שעה 73
צי דאַרף איך בעטן 74
נישט קיין שלעכטער טאָג . . 74
גאָרנישט איז אין מיר פאַראַן . 74
אפשר איז הונגעריק מײַן נשמה 74
געבענטשט זאָל זײַן די זון . . 75
ווען כ'קוק אַבימל פון דער זײַט 75
צוזאַמען מיט די וואָלקנס . . 76
דער מאָרגן וואָס וועט קומען . 76
עס טרעפט 77
טייל מיך אָפּ פון דער וועלט . 78
און אַזוי 78
עמיצער האָט מיר צוגעוואָרפן . 79
אַ שוואַרצע „עגלה" 80
וואָלט איך אַרײַן 80
דער זעלבער דאָרשט 81
כ'בין נישט קיין קלוגער מאַן . 82
איך בין די פײַל 83
כ'בין בלויז אַ „געוועזן" 83
אַ בלימל 84
און כ'האָב געזען ווי דאָס בלוי 84
זע, ווי עס שײַנט־אויף די זון . 85
ווי קליינגעלט בײַט איך אויס . 86
זאָלן שפּאַנען איבער מיר . . 87
אפילו מיין צער 87
כ'האָב מיך שלאָפן געלייגט . 87
די צײַט 88
צווישן ערד און הימל 89
איך און דער לבנה־סערפּ . . 90
עס פאַרוואַרפט דער פישער . 91
עס קוקן אַרײַן 91
דער קראַנקער פויגל 92
איך קען נישט קומען 92
כ'וועל פאַרלאָזן מײַן שטאָט . 93
כ'האָב גענומען אינסטרומענט . 93
אַ ברכה וועל איך מאַכן . . . 94
נישט קיין לעצט ליד . . . 94

זיַ ווי דאָס קוועלכל 95
מיַין „שרייבטיש” 96
בין איך געגאַנגען 96
דער טרויער 97
אַזויפיל מענטשן האָבן היַינט . 98
איך זאָג צו זיך 98
אין די שפּאַלטן פון די טעג . . 99
מיַין פריַינד וויל בעטן גאָט . . 99
ווי בין איך מקנא 100
אויפן אַלטן מאַרק 100
באַגראָבט מיך נישט . . . 101
איך גיי 102
כ׳בין ווידער דאָ 102
דאָס ביסל גוטס 103
פון מיַין אייגענער 103
אַ ניַיער באַגינען 104
נאָך אַ טאָג 104
ווען דער טרויער זינגט דיר . 105
פון וויַיטן — אָן אילוזיע . . 105
דאָס בין איך 106
אַ וואָרט 107
אויף די פעלדער 108
דעמאָלט וועט ער קומען . . 108
נעכטן האָב איך דאָך אַליין געזען 109
כ׳בין דער פון נעכטן 110
טעג פון דערוואַרטונג 111
און היַינט 112
אופין וואַנט הענגט אַ פּלאַקאַט 113
היים 114
כאָטש איך בין שוין נישט יונג 115
און אַזוי 116
כאַאָס 117
זאָלן וויסן אַלע 118
עמיץ האָט מיך פאַרלאָרן . . 119
עזרא 119
ס׳איז פרילינג 120
אַ ליבּ־ליד וועל איך זינגען . 121
ס׳איז פרילינג, די נעפּלען . 122
צו וואָס רעדן רייד 123
כ׳האָב אַ קבר אויסגעגראָבן . 124
איך בין זיך מתוודה 125
יעדן טאָג נעם איך אויף . . 126
דאָן קיכאָט קומט צוריק . . . 127
דער כמעט אַלטער ד״ר פאַוסט 129
דער לוין פון גולם פון פּראָג . 132
אָ, לעאָנאַרדאָ, לעאָנאַרדאָ . . 136
כ׳פאַרשווער דיך, ברודערל . 137
אַ ליבּ צו די בלויקייטן אַלע . 138

פון אַנדערע קוואַלן

לי־טיַי־פּאָ
צוויי פלייטן 141
אָמאַר קאַיאַם
פינף לידער 142
נעלי זאַקס
צוויי לידער
געזאַנג פון די נישט־געבוירענע 145
דאָס ליד פון די געראַטעוועטע 146
וואָלט וויטמאַן
אַ געזאַנג צו דעם מענטש . . 149